STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05020

REGN-BOYGN TSUKOPNS

M. Yungman

Permanent preservation of this book was made possible
Frederick Goldman
in honor of
Gregory Tomao

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה יונגמאַן

רעגן־בויגן צוקאָפּנס

משה יונגמאַן

רעגן־בויגן צוקאָפּנס

לידער

פֿאַרלאַג „ישראל־בוך"
תל־אביב, תשל"ג — 1973

MOSHE YOUNGMAN / REGNBOJGN ZUKOPNS
Poems

Publishing House, "Israel-Book", Tel-Aviv, P.O.B. 1777

משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס
לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך", ת"א, איתמר בן־אבי 4

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף פון ליטעראַטור־
פאָנד פאַר יידישע שרייבער פון ראַטנפאַרבאַנד און
ישראל ביים יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל.

Printed in Israel 1973 נדפס בישראל

©

כל הזכויות שמורות

דפוס „ארזי", רח' אילת השחר 4, ת"א

גראָז

תּפילה

גיב מיר נײַע אויגן יעדן טאָג,
צו זען דאָס רויט אין רויט,
די בלום אין בלום.

גיב מיר נײַע אויגן יעדן טאָג
צו זען דעם מענטש אַרויסגיין פון זײַן גראָ
און אויך ווערן אַ בלום.

דורך אַלע דערנער ווו איך גיי,
מיט אַלע הויקערס וואָס איך טראָג —
גיב מיר נײַע אויגן יעדן טאָג.

יאָסעפוס פלאַוויוס

א

אין יודפת

כ׳בלעטער אויף די בערגלעך פון יודפת,
לייען די מלחמות פון יאָסעפוס פלאַוויוס.
זײַנע מלחמות — מעשׂהלעך געוואָרן.
מײַנע גייען ווײַטער אָן.

שוואַרצע ציגן רופן זיך איבער מיט שוואַרצע ציגן.
אין די ביכער פון יאָסעפוס פלאַוויוס שטייט ניט
וועגן ציגן, שטייט בלויז וועגן מעשענע קאַהאָרטעס
פון די רוימער.
רוימער, רוימער,
זייערע מלחמות — מעשׂהלעך געוואָרן,
מײַנע — גייען ווײַטער אָן.

קאָרנבלימלעך דאָ
דערמאָנען אָן די אויגן ליכטיקע פון בערעניקע.
האַ, די ייִדישע פרינצעסין!
האַ, די בערגלעך די יודפתער, מיט קאָהאָרטעס
רוימישע, פאַרגילגולטע אין ציגן!
אָטעמען די בערגלעך: שלום, שלום.
נאָר קיין שלום איז ניטאָ.

ב

כראָניק

כראָניק פון יאָסעפוס פלאַוויוס:
טיטוס רײַט אויף אַ בלאָ פערד
און לאָקערט אויף זײַן בערעניקע.
יידן קאָכן סמאָלע אין די אויגן.
די וועלט איז געשפּאַנט ווי אַ סטרונע,
פון וועלכער ס'וועט זיך אָפּרײַסן באַלד די זון.

גלילער בערגלעך האָבן אויפגעהערט צו טאַנצן,
און שטייען איצט מיט שטעכעלקעס, מיט דערנער און מיט שפּיז.
הייל קוקט זיך אײַן אין הייל.
רויך קנוילט זיך,
שטורקאַצן דערגייען ביז צום האַרץ.
ווײַסע פייגל ווערן שוואַרצע פייגל.

נאַקעטע טרומייטערס שיילן אָפּ די הימלען,
שיילן אָפּ די ווענט
וואָס פּרוּוון נאָך פאַרשטעלן.
נאַקעט דאָס בלוט.
די שווערד פון טיטוס — נאַקעט.
בערעניקעס לאָכן
דעקט אָפּ
אַלץ.

ג
פחד

מידבר אין מיר
יאָסעפוס פלאַוויוס פאַרשרײַבט אין מיר יעדן טאָג
זײַנע מלחמות.
יעדן טאָג שטייט אַ מלאך
און זאָגט קינות איבער מײַן ליד.

מעשענע טרומייטערס פון רוימער
צערײַסן יעדן טאָג דעם הימל
אין וועלכן כ׳האָב זיך געפּרוּווט אײַנהילן.
דאָס לעצטע שטיקל זון
ווערט פאַרביטן אויף מעש.

היילן וואָיען אין מיר אויס יעדן טאָג
זייער פחד.
ניטאָ קיין איין הייל,
אין וועלכער כ׳זאָל ניט געפינען
דעם עכאָ פון מײַן קול.

ד
המשך

יודפתער היילן זענען פול מיט וואַסער.
רוימער, פאַרגילגולטע אין ציגן,
לעקן דאָרטן אָפּ דאָס לאַנגע פּנים זייערס.
ווײַסע אויגן
קוקן טיף אַראָפּ
אין ווײַסע אויגן.

פּאָדעם פון אייביקייט
פאַרזיווגט גאָלד מיט גאָלד.
ס'איז זון אויך זון
אַפילו ווען זי הענגט אויף דאָרן.
צעטאָפּיעטע טרומייטערס פון די רוימער —
אויך געוואָרן זון.

שטיי איך צוזאַמען מיט יאָסעפוס פלאַוויוס
בײַ דער הייל
און רוף צונויף די ציגן.
שטיי און פאַרשרײַב מלחמות נײַע.
שרײַב און שרײַב.

ה

איילבערטן

לאָז מיך האַרט זײַן ווי די איילבערטביימער אין יודפת.
לאָז מיך שרײַבן אויף בלעטער,
פון וועלכע מלחמות פאַלן אָפּ.
ווי די בלעטער פון אַן איילבערטבוים,
בלעטער וואָס שטרעקן זיך צו דער זון,
וואָס האָבן אין זיך אַ סך זון.

יאָדעריק לאָז מיך זײַן ווי די איילבערטביימער אין יודפת,
געשטופּלט און אויסגעקרימט פון מלחמות,
גראָ פון מלחמות,
אָבער מיט אַ סך גרינע, יונגע,
איילבערטן
צוגעדריקטע ווי ליפּן צו דער וועלט.

און נידעריק לאָז מיך זײַן,
טיף אַרײַנגעהאָרכט
מיט די וואָרצלען אין דער ערד.
אײַנגעבאַלט מיט פויסטן
אין דער ערד;
שעפּן פון דער ערד, יעדן טאָג,
נײַעם כּוח,
נײַ ליכט.

פאַר נאַכט אין ירושלים

אין ירושלים וואַרט איך אויף אַ שעה
ווען בלײַבן כ'וועל אַליין מיט בלויז מײַן שאָטן,
ווען אײַנהאַלטן וועט יעדער שטיין זײַן אָטעם
און זיך באַדעקן מיט אַ דינעם גלאַנץ פון בלאָ —

כ'זאָל קאָנען זען ירושלים. פון איר דנאָ
מיט שמאָלע געסלעך אײַנגעלאַטעטע אין דראָטן,
ביז אירע הייכן וואָס איך האָב באַטראָכטן
ווי אַ ייִנגל נאָך מיט ניגון פון אַ קמץ־אַלף־אָ.

און זאָל דערקענען זי: אוראַלט
מיט פאַרמעטענעם פּנים פון מײַן שטעטל,
מיט שטילקייטן וואָס שפּאַרן דורך שטאַכעטן,
מיט איינזאַמקייט וואָס שפּאַרט דורך יעדן שפּאַלט,

און זיך אַליין דערקענען: באָרוועס,
נאָר זײַט־בײַ־זײַט מיט דוד און מיט הורדוס.

ראָזשינקעס און מאַנדלען

מײַן הונגער נאָך ליבשאַפט
טוט אויס ווערטער פון שטויב,
שיילט אויס זון פון איר פוטערפאַס,
הענגט אויס אין דער גראָקייט
פון מײַן מיטן וואָך
אַ שטאָט
וואָס איך רוף ירושלים.
זי איז ירושלים.
זי וועקט אויף פייגל אין מײַן האַרץ.
זי פאַרבט אָפּ אַלע קלעטקעס פון מײַן מוח
גרין.

מײַן גרויסע אימה —
זיך ניט קאָנען באַפרײַען
פון די שטיינער וואָס ציִען אַראָפּ —
אויסגערונען.
ניט הורדוס האָט אין מיר אויסגעבויט
אַ שטאָט פון גאָלד,
נאָר מײַן בענקשאַפט,
נאָר מײַן טאַטנס תּיקון חצות
בײַ אַ ליכטל.

טיף אין מיר,
אָפּגעשיידט פון וואָכעדיקייט,
אויסגעטאָן פון דערנער

אַ לאַנד

ניט נאָר פֿון מילך און האָניק,
נאָר אויך פֿון ראָזשינקעס און מאַנדלען
מײַן לאַנד.

שלומציון

פאַר מלכּה טוזמאַן

די מלכּה שלומציון פון ירושלים
כאָוועט לידער אין ווײַנגאָרטן אירן עד היום.
יעדעס ליד וואָס זי טוט צו אונדז זינגען — אַ פּיאַלקע.
זאָל געלויבט זײַן איר נאָמען, שלומציון המלכּה.

לאָזט זי זיך אַרויס פון איר פּאַלאַץ צו גיין
אויף די סטעזשקעס פון לידער — בליט יעדער שטיין.
און ווערטער שמייכלען צו איר מיט הכנעה:
קום, האַרינטע, נעם אונדז. מיר זענען בלאָע.

טרעפן זי ייִדעלעך אָן אין איר גאַנג —
טראָגן זיי אונטער איר אַ געשאַנק:
ירושלימער זונען־גאָלד, פון סאַמע עכטן.
נישקשה — זאָל זי אין לידער פאַרפלעכטן!

דרייען זיך מיידעלעך ווײַס אין אַ שפּיל,
זאָגן זיי: פאַר אונדזער מלכּה דאָס שפּיל.
וועלן מיר זינגען, וועלן מיר טאַנצן,
ביז שלומציון וועט אַ ליד זײַן אין גאַנצן.

גייט שלומציון המלכּה אַרום און זי שעפּט
מים־חיים פאַר לידער מיט ליבשאַפט פאַרוועבט.
טוט זי זיי אָן ווי אַ קרוין אויף איר שטערן —
טוט ירושלים אויפגעריכט ווערן.

בלענדן די גאַסן און געסלעך מיט פּיאַלקעס.
ווייסט מען — דאָס זענען די לידער דער מלכּהס.
בלאָ, ווי אַ פּיאַלקע אין זון־ליכט, עד היום,
שטייט און עס גרייסט זיך ירושלים.

ר׳ שלום שרעבי

אין קלײַזל בית־אל, אין דער אַלטער שטאָט,
ווו מײַזלעך צעגריזשען פון ספרים דעם סוד —
איז דער רבי שׂר שלום שרעבי
מצרף צירופים פאַר זײַן עולם הבא.

טונקט ער זײַן פען אײַן אין זוהר בסתר —
קײטלען זיך אותיות צונויף ווי אַ לײטער.
און מיט באַפליגלטן יונגן טראָט
שוועבן מלאכים אַרויף אַראָפּ.

קײַט דער רבי זײַן באָרד מיט הנאה:
געקומען ס׳איז שעה פון גילוי אליהו.
יעדער מלאך וואָס פלאַטערט אַרום אויף טרעפּ
לאָזט פאַר אים איבער אַ הײסן גלעט.

זיצט ער און איז מצרף צירופים.
ער הערט ניט דעם שמש אין דרויסן רופן.
ער הערט ניט ווי ס׳קומט די דינסט פון דער גאַס
מיט אַ קענדל קאַווע אויף קופּערנער טאַץ.

נאָר ווען ס׳ציטערט אַן ערשטער שטראַל אינעם שײַבל,
הערט אויף דער רבי צירופים שרײַבן.
זעט ער: ניטאָ מער אין אַלקערל בלאָען
ניט קײן מלאכים, ניט אליהו.

טרינקט דעמלט רבי שׂר שלום שרעבי
מיט מתיקות אויס דאָס גלעזל מיט קאַווע.
שטעלט זיך מיט דבקות צו זאָגן שחרית
באַפּרײַט פון משחיתים און סטרא־אחראַס.

דאַוונט דער רבי. ס׳גריזשען די מײַזלעך.
דאָס געסל וועקט אויף זיך מיט גענעץ פון הײַזלעך.
און דאָס קלײַזל בית־אל פון ליכט דערהעלט
פֿאַרבינדט די וועלט מיט יענער וועלט.

גימטריות

צו די מויערן פון ירושלים וועל איך זיך פעדערן.
אויפשטעלן אַ הײַזקע אַ ווײַסע פון צעדערן,
מיט אַ קײַלעכדיק דעכל אַזוי ווי אַ יאַרמלקע
געווענדט צו גאָט ברוך הוא דעם דערבאַרעמדיקן.

וועל איך דאָרט שטיין אויפן שפּיץ און זיך חשבונען
אין מיטן דער נאַכט, אוי! וועל איך זיך חשבונען.
מיט גימטריות שווערע און בלאָע נאָטריקאָנס,
צעטרייסלען דעם הימל וואָס שטערנט אַראָפּ אויף אונדז.

כ׳וועל זיך אָבער ניט דינגען און אַמפּערן,
נאָר כאַפּן די שטערן וואָס פֿאַלן אין האַנט אַרײַן.
יעדער שטערן ווי אַ וועקסל געסילוקטער,
וואָס נאַכט האָט אין איר חסד באַוויליקט מיר.

וועל איך וויסן: דאָס מאָל וועל איך ניט אָנווערן.
וויפל כ׳זאָל חשבונען — כ׳וועל מער ניט אָנווערן.
אויף מײַן קלײנער הײַזקע, מיטן דאַך ווי אַ יאַרמלקע,
שיילן זיך גימטריות אויס פון די פּאַרמעטן.

פֿאַלן גימטריות ווי שטערן אומצייליקע
און איך פון מײַן שפּיץ וועל קאָנען פּאַרטיילן זיי,
אַוועקשענקען בחינם יעדערן, יעדערן,
וואָס וועט קומען, קיין ירושלים זיך פעדערן.

פּערל

איך — זוך דעם מענטש הינטערן וואָרט,
די זון אין מענטש,
דעם אין־סוף אײַנגעצימצומט
אין אַ קלאַנג.

דו — טראָגסט די ווערטער דײַנע
ווי אַ שנירל פּערל
און האָסט זיי ליב,
און ווייסט ניט,
אַז זיי זענען טייל מאָל פֿאַלש.

און אפשר זענען זיי ניט פֿאַלש,
און איך וועל קאָנען האַלדזן דײַנע ווערטער,
קושן די פּערל
אויף דײַן האַלדז?

וואָרט אין דער לבנה

כ׳וועל הײַנט אַרײַנשטעלן מײַן וואָרט אין דער לבנה,
עס באַלײַכטן מיט דער לבנה,
עס לאָזן שטיל אַרומגיין איבער די וויסטענישן.
וואָרט — נאַקעט, אויסגעטאָן פון ערד,
שטום — פון גאָרניט ניט קאָנען זאָגן.
אָן שאָטן און דאָך נאָענט, וואַרעם,
גרייט זיך אָנצובייגן צו יעדן שטיין,
קני׳ען צו יעדן אָפּגרונט,
לערנען זיך: האָרכן.

אין אָנהייב איז געווען דאָס וואָרט.

*

וואָרט, וואָס וועט מוזן אָנהייבן פון גאָרניט.
פון מידבר — וואָס אַפילו קיין מידבר ניט.
פון ימען, וואָס זענען קיין ימען ניט געווען.
וואָרט קליינס, וואָס וועט מוזן קלעטערן
איבער קראַטערס, דערוואַרעמען זיך אָן זיך אַליין,
שרײַען אָן קול, פון זיך אַליין אַרויסשלאָגן
וואָרצלען, הימלען, שטערן.
וואָרט, וואָס וועט מוזן אַרומנעמען אַלץ;
זוכן אַן אָנשפּאַר;
זוכן אַ לבנה אין דער לבנה.

*

מיט אַלע אותיות נעם איך אײַך אַרום,
ווערטער קליינע,
ווערטער וואָס איר וועט דאַרפן זײַן פֿאַר מיר אַ פּאַנצער,
וואָס איר וועט דאַרפן אָפּהיטן מיך
אויף ניט צו צעפֿאַלן אין חלל.
מיט אַלע אותיות פֿון מײַן א״ב,
בלאָ אויסגעצערטלטע,
אײַנגעפֿלאָכטענע אין קלאַנגען,
אויסגעטראָגענע
אויף צו געבן דער וועלט אַ זינען.
און שטאַרקער דריק איך צו מיר צו
די ווערטער: מאַמע, היים.
טיפֿער זייג איך אין זיך אַרײַן די אותיות.

*

קיין הונט אין דער לבנה איז ניט געווען,
קיין האָלצהעקער אין איר ניט געווען,
בלויז געווען מײַן קליין פּנים
אָפּגעשפּיגלט אין איר
אין די גרויסע נעכט.
און געווען מײַן תּפילה:
זי זאָל ווײַטער אַראָפּקוקן אין שײַבלעך,
זיך שפּילן מיט קינדער פֿאַר דער שוועל,
ווײַטער אויסשפּינען אין מוח
הונט, האָלצהעקער,
כאָטש הונט, האָלצהעקער
מער אין איר ניטאָ.

די נײַע שטוב

פאַר לוסיאַ און פריד װײַנינגער

א

כ'האָב זיך אױפגעבױט אַ שטוב פון לידער —
שענסטע שטוב פון אַלע מײַנע שטיבער.

יעדן טאָג באַגיס איך זי מיט טױען,
יעדן טאָג בין איך איר נײַקײט טועם.

װוּ אַ שטערנדל און װוּ אַ בלימל
קלײַב איך אױף און מאַך פאַר איר אַ הימען:

זע, אױף אירע װענט און דילן
קושן זיך בײַ נאַכט לבנה־גרילן.

יעדער בױם, קאַיאָר, פאַר אירע שװעלן
איז אַ גרינער אױפגעברױז פון טרעלן.

איז איר יעדע שױב אַ ברונעם
מיט אַ נעץ פון גאָלד אַרומגענומען.

ב

שעפּ איך גאָלד און שיכּור זאָג איך איבער:
שטוב, מײַן שטוב מײַן שענסטע פון די שטיבער.

ערגעץ װוּ, אין מיטן שטױב פון װעגן,
כ'האָב זי אױסגעטראָגן, פאַר מײַן שלוה־װעגן.

אין די נעכט און איינזאַמקייטן גרויסע
כ'האָב פון רגעס ליבשאַפט אויסגעבויט זי,

יעדן שטיין אירן און יעדן ציגל —
דורכגעפלאָכטן מיט מײַן שטילן ניגון,

ביז איך האָב געזען זי וואַקסן
קליין און ציכטיק ווי איך האָב פאַרטראַכט זי.

ווי איך האָב פאַרטראַכט זי — קליין און ציכטיק,
מיט אַ וועסנע־ווינטל דורכגעליכטיקט.

ג

טו איך אָן זיך מיט מײַן שטוב פון לידער.
גרעסער ווער איך מיט מײַן שטוב פון לידער.

אויבן אָן זי פראַוועט אין מיר מלכות.
יעדע שויב וואָס בליט אין איר געזאַנג איז.

יעדע וואַנט אין איר — אַ לײַב פון פרויען
וואָס איך בין מיט הייסע ליפּן טועם.

ווײַסער לײַב פון שטוב אונטער די פינגער —
איך ווער יינגער, יינגער, יינגער.

*

כ׳וויל זיך צודעקן מיט די ווײַסע כאַטעס.
איבערשלאָפן מיט זיי די נעכט און די שווערע טעג.
ניט הערן די מײַזלעך וואָס גריזשען אין זיי.
ניט פילן די שפּאַלטן און לעכער
וואָס רעגנס האָבן אין זיי אויסגעגעסן.
זײַן ווידער מיט זיי ווי זיי זענען געווען גאַנץ,
ווען זיי זענען געווען פאַר מיר
די מאָס פון דער וועלט.

גאַס

יונגע גאַס — די ייִנגסטע אויף דער וועלט.
ערשט נעכטן זי באַגאָסן מיט אַספאַלטן,
ערשט הײַנט
פאָרזיכטיק געהויבן איבער איר די פיס.
איצט חלום איך:
לבנה טרינקט מיך אויס,
איך גיי אַרום אין קרײַז,
קוש זיך מיט ערשטן מענטש
אויף דער לבנה.

פאָרויס

פאַר אריה שמרי

כמאַרעס אַוועק. מ׳קאָן וויַטער בויען די שטערן,
מ׳קאָן וויַטער אויסהענגען ווינדלען אין אויג. אויף
דלאָניעס פון ליכט —
אָפּוועגן דעם הונגער נאָך הימלען. וויַטער ציִען דעם
פאָדעם פון פרייד,
אָנקניפּן אַ טאָג אָן אַ טאָג. אַ מאָרגן
וועט זיַין נאָכן היַינט. און אַ מאָרגן נאָך מאָרגן —
ביז העט צו די וויַסקייט פון האָר.

דיַין זון
וועט דיך פירן פאָרויס מיט אַ שפּאַן.

האָפּערדיק

דערצייל אַז דו ביסט.
אַז נאָך אַלץ.
דערצייל עס דעם גראָז.
דערצייל עס די שטיינער.
שטרעק נאָך אַ מאָל אויס ביידע דלאָניעס
און וועג אָפּ די זון.
אַ פלאַטערל שיק
אויף די וועגן צום הימל
און פלי מיט אים מיט.
ס'איז דו, וואָס דו קאָנסט נאָך
אַרומנעמען הײַזקע נאָך הײַזקע
און טאַנצן מיט זיי איבער גאַס;
אַרומגורטן גאַס איבער לענדן
און קוקן אַנטקעגן דער וועלט.

דערצייל עס דער וועלט.

די ל״ו

פאַר ווילי שאַר

זיי זענען אַלע נאָך דאָ. פון פנקס פאַרגעלטן
זיי שפּאַנען פאַרהוילן אַרויס צו מקיים זײַן וועלטן.

יעדן חצות, ווען ניגון הייבט בלאָ אָן צו בלִיען,
טוען זיי שײַבלעך, אַלטמאָדיש, מיט גאָלד איבערצִיען.

זיצן זיי ווידער, אַלטמאָדיש, און סטריגעווען לאַטעס
אויף פלייצעס פאַרמאַטערטע אויס, אויף חורבות פון כאַטעס.

שטייען זיי דאָרט מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און פאות
קלאַפן שטערן אַרײַן אין זויל פון דער נאַכט, ווי קמיעות.

און ערגעץ ווו הוידען זיך ווידער פלייצעס מיט עמערס.
און עס גלִיען ווי טויען, פון ס'נײַ, האַלבפאַרלאָשענע זמרס.

און אַזוי נאַכט פאַר נאַכט, מיט גאָלד אָפּגעגאָסענע אַלע,
האַלטן זיי צונויף די וועלט זי זאָל ניט צעפאַלן.

האַלטן דעם ניגון צונויף, ער זאָל בלאָען און בלִיען,
און אין זכות — זייער זכות — זאָל אַלץ האָבן אַ קיום.

מאה שערים

א

כ'קלאַפּ אָן צו סליחות יעדן טאָג אין זיך אַליין.
עפנט זיך אויף אין מיר אַ קלייַנער לאָדן: כעלעם.
אַ יאָרצײַט־ליכטל טוט מײַן אויג דערהעלן
און איך אַליין ווער געסל, ווער דאָס גיין

אין זיך, מיט זיך, דורך נאַכט און אלול,
ביז צו דעם קלײַזל דעם צעוויִיקטן פאַר געוויין.
איך ווער דער שליח ציבור דאָרט פון זיך אַליין,
לייען זיך די אויגן אויס בײַם צאַנקענדיקן פלעמל

וואָס אויפן עמוד. הער פאַרשעמט זיך אײַן
ווי קיינער זאָגט ניט נאָך. און שפּל —
מיט אַלע רעגן־רינוועס וואָס געבליבן אָפן,
קריך איך אַלץ מער און מער אין זיך אַרײַן.

...אויף טיפע דנאָען, אויסגעהיט פאַר אַלע,
ליגט אין איר שקעטעלע פון גאָלד — כעלעם דלמעלה.

ב

כ'לאָד אָן אויף זיך די הײַזקעס פון כעלעם.
טראָג זיי אַריבער אין מאה שערים.
ערגעץ ווו מוז מען דאָך האָבן אַן אָנהאַלט.
ערגעץ ווו מוז מען דאָך געפינען
דעם לייטער צו אַ בלאָ וואָרט.

ג
פון אַלע בשׂמים־פּושקעס,
ווּ איך האָב זיי געהאַט אויסבאַהאַלטן,
נעם איך זיי אַרויס,
פאַרפול מיט זיי מײַנע אויגן:
ייִדן פון בלאָען מעשׂה־ביכל,
בערד זילבערנע פון קידוש־לבנה,
נעז אָנגעדראָלענע מיט הבדלה־ווײַן,
לאַנגע העלדזער
אויסצוטראָגן גאָלדענע שטרײַמלען.
דלאָניעס —
פולע מיט פײַערדיקע פּעטש
אָפּגעשפּאָרטע פאַר מיר
אין געהיים.

ד
לבנה אין זייער בלוט.
זיי רופן איר אַרויס
יעדע נאַכט
און הענגען זי אויס איבער דעכער.
זיי זשמורען צו איר מיט אַ שמעק־טאַבעקע.
בערדיקע פּנימער שפּיגלען זיי אין איר אָפּ
און ליבשאַפט
אָנגעדראָלענע אין זיי ווי אַ טײַך.
זיי זענען גרייט פאַר איר אויסצוקנײַפּן
שטיקער וועלטן,

גרייט
צו וואַרפן שטיינער אין מיר,
וואָס זינט כעלעם
האָב איך לאַנג שוין
אַזאַ ווײַסע לבנה ניט געזען.

ה
דורך אַלע זייערע תוכחות
שלײַך איך זיך אַדורך,
שלינג אין זיך אַראָפּ
אַלע זייערע קונעס.
צוגעבונדן צו זייער גאַרטל
פלי איך מיט זיי
איבער די דעכער פון מײַן כעלעם־לאַנד.
אײַנגעוויקלט אין זייער קאַפטן
קלײַב איך אויף שטערן,
לאָז זיי רינען איבער מײַן אויסגעדוכטער
באָרד.
פלאַקערדיקע פנימער פון טאַטעס און זיידעס
גאַפן מיך אָן.

ו
מײַנע קליינע שוועסטערלעך
פון מאה שערים
גייען אין ווײַסע זאָקן רבישע,
האָבן שוואַרצע צעפּלעך און ברייטע יופּקעלעך.
ווען זיי וועלן אַ מאָל זײַן רביצינס —

װעלן זײ טראָגן בלוזקעס
מיט קנעפּ פּערלמוטערנע,
װעלן קנאַקן קערלעך
און רײדן שבתדיק.
האַ, און אין שקאַטולקעס פּליושענע
װעלן זײ האַלטן בראָשקעס און „הערצלעך"
גינגאָלדענע.
און זיצן און שײַערן,
זיצן און שײַערן.

ז

אַפּילו אָן די קאַראָמיסלעך
װיגן זיך עמערס אין זײ,
צעשפּריצן איבער זײ שטערן,
גלאַנצן אָפּ זײערע קאַפּאָטעס
גרין.

אַפּילו אָן די קאַראָמיסלעך
קײטלען זיך אָן זײ געסלעך,
װײַבער אין טשיפּיקעס,
בלאָ־אױגיקע שטילקײט
פון שטיבער.

אַפּילו אָן די קאַראָמיסלעך —
טרעפּ אַראָפּ צו ירושלים אין זײ.
טרעפּ אַרױף צו אַ ניגון
װאָס באַלײַכט זײ
דורך און דורך.

ח

בלאָ גאָלד אין מאה שערים.
בלאָ גאָלד פון געסלעך בײַ נאַכט,
פון פּרוכתן, וואָס שײַנען אַרויס
דורך אַ שײַבל.
בלאָ גאָלד פון אַן אַלקערל,
ווו אַ זקן זיצט איבער אַ גמרא
און אויך ער — בלאָ גאָלד.
בלאָ גאָלד פון אַ שופר
אויסגעהאַנגען ערגעץ ווו,
וואָס דאַרף אָנזאָגן דאָס קומען פון משיח.

גראָז

כ׳האָב הײַנט גראָז אויפגעסילעט אויף ווערטער.
כ׳האָב געזאָגט: גראָז — לאָבונג,
גראָז — לויבונג.
אַזוי פיל פינגערלעך גרינע
אויסגעשטרעקטע צום הימל,
אַזוי פיל אויערלעך
אַרײַנגעהאָרכטע אין דער ערד —
גרייטע צו אויסהיילן ווונדן,
צו לאַשטשען, צו ליובען.
גראָז לאָבונג,
גראָז לויבונג,
גראָז איבער אַלץ.

*

דאָס גראָז וועט אונטערקומען שטיל.
עס וועט אײַך לאַשטשען די פיס.
עס וועט אײַך פאַרגיין דעם וועג
צו דער כאַטע.
אונטערן הויכן הימל
וועט עס ליגן לעבן אײַך
וואַרעם און ווייך
ווי אַ פרוי.

*

אַרײַן נעמען די וועלט
אין אַ סטעבליע גראָז.
אָנהייבן די וועלט פון גראָז.

זײַן אין אים
מיט זײַן אַרויפֿהאָרכן שטיל
צו דער זון,
מיט זײַן דראַנג צו דער זון.

שלווה

א

זילבערנע פישלעך אין ירדן —
פישלעך פון שלווה,
פליעסקענען פֿאַרבײַ כפר רופּין,
שלינגען זון לעבן מחולה,
פֿאַרוועבן הימל מיט הימל
פון באַניאַס
ביז צום געזאַלצענעם ים.

ב

גוט צו פילן די שלווה.
זי בליט ווי אַ זון אין דער פרי.
זי גייט אַרויס ווי אַ פרוי
אויפן באַלקאָן
צו שלינגען די זון
מיט אירע פריש אויסגעוואַשענע אויגן.

זי איז די זון.

ג

מײַן שטוב איז הײַנט געווען אָפּגעפּאַרבט
מיט זון:
מײַן גאָלדענע שטוב.
כ׳האָב זיך געזען אין איר אַרומגייין
גרויס, מיט אַ קרוין.
כ׳האָב זיך געזען אין איר

אויסהענגען טויזנט פענצטער.
אַ קליין פידעלע
האָט אַרומגעטאַנצט אין מײַן בלוט
דין, דין.

גלײַך ס'וואָלט

גלײַך ס'וואָלט קיין מלחמה ניט געווען.
גלײַך ס'וואָלטן נעכט
ניט לויערן מיט טויזנט הענט.
גלײַך ס'וואָלטן טירן
ניט געשטאַנען אָנגעשפּיצטע צו אַ בשׂורה,
און טריט־אין־דרויסן,
לעכער ניט געלאָזט אין האַרץ —
שפּרייט איך הײַנט אויס דעם טיש,
צינד אָן אַ בלאָען נאַפטלאָמפּ אויף דער וואַנט,
פֿאַרשפּין זיך אין אַ קליינעם קרײַז פֿון ווערטער
און וואַרט,
גלײַך ס'וואָלט קיין טויט,
גלײַך ס'וואָלט קיין מבול ניט געווען,
גלײַך ס'וואָלט...

ירדנה

א

מײַן קלײן דאָרף זיצט אויפֿן גרענעץ.
זיצט מיט ווײַסע הײַזקעס אין שויס,
מיט געקרײַזלטע קינדער.
דערנער קומען זיך אין אים צונויף.
מײַן קלײן דאָרף
שווײַגט מיט פֿאַרביסענע דערנער.

ב

הײַזקעס פֿון ירדנה
וואַכן איבער מיר יעדע נאַכט
ווען איך בין מיד.

זיבעציק באַרג־ייִדן, וואָס אין זיי,
רינגלען מיך אַרום
מיט דעמבענע אָרעמס
מיט בטחון וואָס שטאַמט נאָך
פֿון אלרואין * אָן.
שוואַרצאויגיקע מאַמעס
רײַסן אָפּ שטערן
און לייגן מיר אַרײַן אין בעט.

צוקאָפּנס דער מלאך.
צופֿוסנס דער ירדן,

---

* דוד אלרואי — אַ פֿאַלשער משיח פֿון קורדיסטאַן.

שעפּטשענדיק,
מיט פּישלעך
אין מויל.

ג

וואַסערן פון ירדן יאָגן זיך.
זיי האָבן ניט קיין צײַט.
זיי ווילן דערציילן דעם געזאַלצענעם ים.
זיי ווילן אים אָפּטראָגן
די אויפגעקליבענע שטערן,
די זון.
זיי ווילן אַנטלויפן פון זיך
און פון די וואַסערן וואָס יאָגן זיי נאָך.

ד

אַלע מײַנע פּחדים
צוגעדעקטע מיט אַ בלאָען הימל
אויף וועלכן מ׳קאָן ווידער
אויפשרײַבן אַ ליד.

פרילינג — ניט פרילינג.
אַלץ איז געווענדט
אָן דעם,
וואָס דו טראָגסט אין זיך.

ווײַסע הײַזקעס
האַלטן צו אַ ווײַס מיידל
מיט גאָלדענע אויגן —
זי זאָל ניט אַוועקפליִען.

ה

די הײַזקעס פֿון מײַן דאָרף האָב איך הײַנט
אָנגעטאָן אין גאָלד,
כ'האָב דעם ירדן הײַנט בלאָ געמאַכט.
כ'האָב אַ נײַע בריק אויסגעפֿלאָכטן אויף אים
אליהו הנביא זאָל האָבן וווּ אַריבערצוגיין.
רויטע בלומען האָב איך אײַנגעשטעקט
אין די האָר פֿון קינדער,
זיי אַרויסגערופֿן פֿון באַהעלטענישן,
זיי אויסגעלערנט זיך ווידער פֿרייען
מיט אַ ציגעלע
וואָס טאַטע געבראַכט האָט
פֿונעם יאַריד.

חמרה *

חמרה —
נאָך ניט באַזונגען פון קיינעם,
חוץ פון די ווינטן,
חוץ פון די גרילן
אין אַ שטילער נאַכט.

חמרה —
נאָך ניט פאַרצייכנט אין ערגעץ
חוץ אויף דער מאַפּע
פון דער לבנה.

חמרה —
צען הײַזקעס
אײַנגעטוליעט אין אַ מנין
צופוסנס דעם סאַרטאַבאַ
דעם בלאָען באַרג.

* אַ נייער יישוב לעבן שכם.

פון אינעווייניק

בוי מיך אויף ווידער פון אינעווייניק,
פון די קלענסטע ווערטער אָן,
פון די ערשטע שטיינער.
שפּרייט אויס ווידער אַ דאַך אויף מײַן ליד
אויסגעהאָפּטן פון די ייִנגסטע שטערן.
אין בלומען וויג מיך אײַן
און אין גראָזן
וואָס פידלען אונטער די טריט.
לאָז מיך גרעסער ווערן מיט יעדן גראָז
ביז איך וועל קאָנען דערלאַנגען
צו זיך אַליין.
מיט טויען וואַש מיך אָפּ
און מיט שויבן
וואָס האָבן אויסגעטרונקען די זון.
בוי מיך אויף ווידער פון אינעווייניק.
מאַך מיך נײַ.

דאָ

כ׳בין נאָך אַלץ דאָ. יעדע נאַכט טראַכט מיך אויס
אין אַ ברונעם וואָס איז געוואָרן מײַן הויז.
אין אַ ברונעם ווו כ׳האָב זיך בסתר פֿאַרשפּינט
מיט לבֿנה און איר שטערן־געזינד,
מיט כּלי־קודש און שטעטל און קראָם;
יעדע נאַכט טראַכט מיך אויס אין אַ ליד אָנגעטאָן,
ווי אַ ניגון פֿון שטראַל און אַ ציטער פֿון אות
ווערן פֿון מײַן זכּרון די מאָס.
און אַז טיף איז די צײַט און דער ברונעם איז טיף
הער איך פֿון מײַן זכּרון דעם טריף,
טריף־טריף יעדע נאַכט, ווי נאָר נאַכט טראַכט דאָס אויס
ווען ס׳איז בלאָ דער אַרום און די שטילקייט איז גרויס,
ווען די גאָלדענע רינגען אין ברונעם — מײַן היים,
יעדער טריף — אַ פֿינגער וואָס וועקט אין געהיים
און איך בין מיט אַלע — כאָטש איך בין אַליין.

וואַרטן

פאַר צ. א.

אונדזער וואַרטן — אויף אייביקייט.
אונדזער אָפּן האַלטן האַרץ און פּאַפּיר —
פאַר שרעטעלעך פון ברכה,
פאַר מזלות וואָס טריפן בלאָ
אַרײַן אין דער שויב.

יעדע נאַכט האָט איר טונקעלן סאַמעט,
אירע אַלטמאָדישע שניצערײַען,
מעשענע פאַנען און איידלוואַרג
אויסגעשטעלטע
אין די ווינקעלעך פון אונדזער זכּרון.

יעדע נאַכט האָט אין זיך דעם צוזאָג
פון קאָנען אַנטלויפן,
פון קאָנען אָנצינדן פאָרצעלײַענע הינטלעך אין אויג;
פון קאָנען שטיין בגילופין אונטער אַ לאַמטערן
וואָס איז שוין האַלב בלינד,
נאָר אַלע באַנען דרייען זיך נאָך אַרום אים
אין קרײַז.

*

זע זיך ניט — אין זיך.
זע זיך אין שטויב פון פעלד.
זע זיך אין שטיין
וואָס מאָרגן וועט זײַן שטויב.

געפֿין אין זיך די טרייסט
אַז אפֿשר וועט אַ מאָל
אַרויסוואַקסן פֿון דיר אַ בלום.
שמייכל צו אָט דער בלום.

שניי אין ירושלים

א

שניי אין ירושלים —
מעקט אָפּ דעכער,
היילט אויס ווונדן אויף מויערן,
עפנט אויף אַ וועלט.

אַ לאַנגער, ווײַסער וועג
פירט צו אַ שטעטל
פון וועלכן אַ בלאָער רויך
גייט אויף.

קינדער בלײַען אויף שליטלעך
אונטער פֿאַלנדיקע שטערן.

איך לויף נאָך,
פלאַטער,
פליגל אין האַרץ.

ב

ניט מלאכים,
ניט דוד המלך.
אַ ווײַסער, ווייכער שניי
פילט אַלץ אויס,
מאַכט אַלץ קלאָר.

אותיות

אַרויסגעלאָפענע פון חומש, ווי חדר־ייִנגלעך,
טומלען זיך,
לאַכן,
הייבן אָן פון דאָס נײַ.

קרוינען
פון ירושלים דלמעלה,
ירושלים דלמטה,
ציטערן, פינקלען.
אַלע פון שניי.

ייִדן

קליינע, קלוגע ייִדעלעך
זיצן אין מיר,
טרינקען מיר צו לחיים.
זייערע בלאָע געאָדערטע נעזער
שמייכלען מיר צו
ווען איך גיי אַרויס אין מײַן שווערן וועג.
זיי טײַטלען צו מיר
מיט אַ פינגער,
ווי אויף צו וואָרענען,
צי סתּם —
ווײַל זיי ווייסן שוין אַלץ פון לאַנג.
אָן זייערע הויכע ספּאָדיקעס
שטויס איך זיך אָן שטענדיק
ווען איך פּרוּוו אַריבערגיין
מײַן אייגן וואָרט.

קליינע, גאָלדענע ייִדעלעך —
באַריקאַדן פון זיך אַליין.

*

ייִדן לאַכן אין מיר
נאָך דעם וואָס כ'האָב פאַר זיי שוין אײַנגענומען די וועלט,
נאָך דעם וואָס כ'האָב שוין פאַר זיי
אַראָפּגעכישופט די לבנה.
ייִדן לאַכן פון מיר
נאָך דעם וואָס כ'האָב דעם גאַנצן שטיין פון חכמה

אויפגעגעסן,
און בין געבליבן הונגעריק.
וועל איך מוזן גיין זוכן
אַ נייַעם שטיין פון חכמה.

בלאָ־ווײַס

נאָוואָסיבירסק

א

איך גיי ווידער צוריק
וואַלד נאָך וואַלד,
שרעק נאָך שרעק
פנימער וואָס איך האָב געהאַט אָנגעטאָן אויף זיך —
אָפּגעשיילט.
דערטרונקענע אין גלאָז פון דער לבנה.

גאָרניט געבליבן
חוץ גיין,
נאַקעט,
וואַלד נאָך וואַלד,
טויט נאָך טויט.
מיט מײַן אָטעם —
די זעג.

ב

לייענט דעם בריוו פון נאָוואָסיבירסק,
לייענט דעם קליינעם בריוו, דעם געשיקטן מיט דער לבנה.
לייענט די לבנה ווען איר קומט זי מחדש זײַן
אין די הייף פון גליל.
בלאָע די הייף פון גליל אין לבנהשע נעכט,
נאָר בלאָער דער שניי אין נאָוואָסיבירסק,
בלאָער די פּנימער פון זקנות צוויי
וואָס שרײַבן אַ בריוו צו דער וועלט.
שרײַבן אים אויף דער לבנה.

ג

יידן בלאָע פֿון נאָוואָסיבירסק.
איך זע זיי שטיין הינטער אַ פּאַראַיִיזטער שויב.
זייער אָטעם ברענט אויס אַ לאָך אין דער שויב,
זייער אָטעם דערוועקט טויטע פֿייגל.
איך זע זיי שטיין — בלאָע יידן מיט פֿייגל אין דער האַנט.
כ'זע זיי אויפֿזעצן די פֿייגל אויפֿן פּאַפּיר.
פֿון הײַנט אָן וועט מען לייענען פֿייגל
געקומענע פֿון נאָוואָסיבירסק.

ד

בריוו פֿון נאָוואָסיבירסק,
בריוו פֿון די לאַגערן.
זיי באַהאַלטן אין זיך די וויוגע.
זיי זענען ווײַס און וועלף וואָיען אין זיי.
בײַ נאַכט ליגן זיי מיר צוקאָפּנס
ווי די טײַגע.
שאָטנס גייען,
אַ בוים פֿאַלט,
אַ בלאָע לוטשינע צעשפּאַלט דעם מוח
מיר פֿון דאָס נײַ.

ה

סיביר האָט הײַנט צו מיר געשיקט אַ בריוו.
אַלע בריוו פֿון סיביר קומען זיך אין מיר צונויף
קלאַפּן אָן אין מיר,
וויקלען מיך אײַן אין וויוגע
זאָגן: דאָ זענען מיר

און די ביסט פון אונדז אַוועק.
זאָגן: ווערטער — אײַז.
נאָר מיר ווערן פאַרברענט.

ו

בריוו, וויוגע ברענגט זיי צו אונדז.
זיי זענען די בלעטער פון ביימער.
אַמאָל זענען זיי געווען גרין.
הײַנט זענען זיי ווײַס,
הײַנט זענען זיי קברים פון ווערטער.
הײַנט שווײַגן זיי.
זייער נאָמען: סיביר.

יולי דניאל

ווײַסע פליינען
— מײַנע ווײַסע בלעטער —
קראָען — ווערטער פאַרפרוירענע —
לייג איך אויס צו דײַנע פיס
יולי דניאל.

אײַנגעשפאַנט ווידער אין טונקעלע מעת־לעתן
מיט דיר:
שלעפן שווײַגן פונעם האַרץ,
טראָגן ווערטער אויפן קאַרק,
דרייען זיך בלינדער און בלינדער אין קרײַז —
יולי דניאל.

אין פאַרלאָשענער איזבע,
אויפן אײַז פון אַ וואַנט,
ווו איך האָב פאַרקריצט מײַן נאָמען,
פאַרקריצסטו איצט דײַן נאָמען
יולי דניאל.

ער

איך האָב אים איבערגעלאָזט.
זײַן פּנים איז געווען ווײַס.
זײַן פּנים איז געוואָרן שניי.
ווייגע האָט אים פונאַנדערגעבלאָזן.
כ'לייען אים הײַנט נאָך אַ מאָל:
וועלף,
שאָטנס,
שורה נאָך שורה.
קיין וועג ניטאָ.

*

ער איז שוין געווען אָפּגעזעגט.
מ'האָט אים שוין געוואַלגערט
פון אָרט צו אָרט.

דאָס אײַז אויף זײַן פּנים
האָט שוין קיינער ניט געקאָנט מער
אויפטײַען.

נאָר יעדן פאַרטאָג
ווען דער גאַנג האָט אויפגעריסן
די וועלט צום אַפּעל —
האָט ער אויסגעשטרעקט נאָך
אַן אָפּגעבלעטערטע האַנט,
געגראַבלט די ערד,
און לאַנג אונדז באַגלייט
ביז דעם בלאָען שטרײַפּליכט

פון טורעם
מיט זײַן דינעם, צעשפּאָלטענעם
כליפּ.

*

מ׳וויקלט אונדז אַרום מיט רייד.
מ׳טוט אונדז אָן קרוינען.
נאָר דאָרט אין דער טײַגע
בלײַבן מיר נאַקעט,
בלויז מיטן געוואָי פון וועלף,
בלויז מיט אונדזער אייגן געוואָי.
אין דער איזבע אַרומגערינגלטער מיט פּחד
איז יעדער איינער —
מיט זיך.

בלאָ־ווײַס

זע די פּאַווע,
זע די גאָלדענע פעדערן אויף איר!
זע די לידער וואָס די טײַגע האָט אין דיר געהאַט אָפּגעמעקט
און איצט בליִען זיי ווידער גרין.
זע — דער בלאָער קרײַז פון ווערטער
וואָס האָט ווידער זיך אָנגעהויבן דרייען
און דו ביסט אין דעם קרײַז.
זונען האָבן ווידער שויבן אָנגעצונדן
און זיי נעמען דיך אַרײַן.
קוואַלן וואָרקען יונג.
זע וויפל רעגנבויגנס!
אַלע פאַר דיר.

*

פון אַלע זײַטן קומען זיי אָן,
גייען אַרײַן אין מיר.

איך בין די שוועל
די אויסגעלייגטע מיט לבנה־שטיינער.
איך בין די שטוב,
וואָס מײַן שטילע פרייד
קאַלעכט זי אָפּ יעדן טאָג
נײַ.
דער טיש בין איך,
וואָס אַ וואַרעם ברויט
דעקט אים צו,
וויל אַרומנעמען מער און מער.

יעדן טאָג קומען זיי אין מיר אַריַין.
יעדן טאָג טו איך תּפילה:
ס'זאָל מיר ניט ווערן צו ענג.
ס'זאָל זיי ניט ווערן צו ענג.

*

מיט בלאָע ווערטער וואָס איך האָב אויסגעטראַכט
וויל איך אויפטיַיען דאָס איַיז וואָס אין זיי,
וויל זיי אַוועקזעצן אין מיר אויבן־אָן —
קליינע טאַטעס און מאַמעס,
גילגולים פון מיַינע אייגענע;
ברידער פאַרוואָגלטע אין די הרי־חושך,
ברידער איַינגעפרוירענע אין דער טיַיגע,
שניימענטשן
וואָס האָבן, מיט אַ מאָל,
אָנגעהויבן צו גיין.

*

זאָל קומען די שטילקייט.
זאָל זי צונויפבינדן
אויגן וואָס האָבן זיך געזוכט אין דער נאַכט,
הערצער אין וועלכע שטערן זענען אויסגעגאַנגען.
נאָך דעם וואָס דער סמבטיון האָט זיַינע שטיינער
אין אונדז אָפּגעוואָרפן
און אונדזערע האָר גראָ געמאַכט;
נאָך דעם וואָס דאָס גראָז־אין־אונדז
איז געוואָרן אָפּגעברענט —
זאָל ווידער גרינען דאָס גראָז,

זאָל דאָס אויג ווידער האָבן שטערן,
זאָל אַ גרויס, וואַרעם וואָרט
ווידער קאָנען אַרומנעמען
אַלץ.

*

איין פּנים דערוועקט אַ צווייט פּנים.
מיר זיצן בײַם טיש
און דרינגען אין זיך אַרײַן.
מיר לייענען זיך לויט די קנייטשן:
אָט דער וואַלד וואָס האָט זיי אין אונדז אײַנגעשניטן;
אָט די בלאָע לאַמטערנס
וואָס האָבן אין זיי אײַנגעברענט זייער שאָטן.
די וויגעס אין אונדזערע אויגן —
די זעלבע וואָס האָבן אונדז צונויפגעטריבן
פֿאַרפרוירענע אין מיטן דער נאַכט.
דײַן נאַכט — מײַן נאַכט —
איצט רינט זי פון אונדזביידן אַראָפּ
אויפגעטײַעט
ווי שוואַרץ גאָלד.

*

מיר האָבן אַפילו ניט געוויינט.
צו טונקל געווען די פרייד אין אונדז,
צו אײַנגעוויקלט אין דערנער און שטויב,
אין מהלך פון יאָרן.
די קנייטשן אויפן פּנים
האָבן אַפילו שמייכלען ניט געקאָנט —

צו טיף זענען זיי געווען באַלויכטן
דורכן אייגענעם טויט.

און אַלץ האָט אויף אונדז אַראָפּגעקוקט:
אויף אונדזערע אויסגעשטרעקטע הענט,
אויף אונדזער וועלן אַנטקעגן טאַנצן,
אויף אונדזער פּלוצעם אויפגעהויבענעם קאָפּ —

מיר האָבן אַפילו ניט געוויינט.

גרוזינער

א

שטערן פון מײַן חלום־לאַנד
מאַכט מיר די וועלט בלאָ,
ברענגט מיר ייִדן אַ סך,
שנורעוועט צונויף דעם סמבטיון
ביז ער ווערט אַ קליין טײַכל
וואָס אַפילו שעפּסן קאָנען אַריבערשפּאַנען;
לערנט מיך אויס צו זאָגן ווידער די טראַפּן:
יר — דן, יר — דן.
און דאָס איז אַזוי פיל
און דאָס דאַרף זײַן די גאַנצע וואָר.

ב

זיי האָבן די ערשטע אויפגעטײַעט דאָס אײַז.
זיי האָבן פאָרויסגעשיקט די טויב
און תּפילה געטאָן זי זאָל ניט צוריק קומען.
זי איז ניט צוריק געקומען, די טויב.
געקומען איז בנימין פון טודעלאָ
מיט אַ צעשמייכלטער באָרד
און איבער זיי אויסגעהאַנגען דעם רעגן־בויגן.
געקומען פּתיחה פון רעגנשבורג.
געקומען אַ סך
און צולעצט ליאָווע.
צען שבטים זענען זיי געווען,
דערנאָך זענען זיי געוואָרן מעשׂהלעך.
מיר רופן זיי גרוזינער, גורדזשן.
זיי שפּרינגען אַראָפּ פון גרײַזן קאַזבעק

גלײַך אין אונדזער האַרץ.
זיי האָבן גרויסע שוואַרצע אויגן
ווו אַלץ שפּיגלט זיך אָפּ.

ג

גרוזינישע ייִדן — באַרג־ייִדן.
זכר פון אַ פּראָמעטיי
געלערנט אין די שעהען פון „דרעוונאַיאַ גרעציאַ".
זכר פון מײַן יוסיפון
געלייענט בײַ אַ גאָלדן נאַפּטלעמפּל
אינעם טאַטנס שטוב.

ס'איז אַזוי גוט צונויפצונעמען שאָטנס,
זיי אַרײַנלייגן אין אַ זאַק
און זיי אַוועקשיקן מיטן געקרײַזלטן ים.
אַזוי גוט צו קאָנען אויסשיילן פון אײַז
ייִדן, פּנימער,
וויסן — זיי זענען גאַנץ.

איך האָב זיך קיין מאָל ניט געזען
אַזוי צונויפגעשטעלט פּרקים־ווײַז,
ווי איך טו עס איצט.
קיין מאָל זיך ניט געזען
אַזוי פיל בלעטערן:
לינדוואָרעם,
פּליִען איבערן סמבטיון,
שטיינער,
און פיר ווײַסע ווענט
וואָס פאַרענטפערן אַלץ.

ד

ליכטיקע, דורכגעליכטיקטע —
די וואַליזקעס וואָס מ׳פּאַקט אויס,
די שטויבן וואָס מ׳טרייסלט אָפּ.
זכרונות האָבן אַזאַ שטיל פּנים
ווען מ׳קוקט זיי אָן נאָך אַ מאָל.
קנייטשן, ערגעץ ווו געבליבן אַהינטער —
מ׳שמייכלט צו זיי פון דער ווײַט.
ווערטער וואָס מ׳האָט געוואָלט זאָגן —
זאָגט מען ניט.
זיי בלײַבן הענגען
אין דער בלאָער לופט.

ה

שטעטלעך אויפגעוועקטע איבער נאַכט.
שטעטלעך וואָס האָבן אַזוי לאַנג געדרימלט,
ביז געקומען דער מלאך
און זיי אַ שנעל געטאָן אין נאָז.
שטעטלעך אײַנגעוויקלטע נאָך אין זיך אַליין,
אין דער זיסקייט פון אָנהייב.
גלעקלעך קלינגען אין אויער
און ס׳איז דאָס קלינגען פון גאָלד.
ווײַסע שטיבער רופן זיך איבער
מיט ווײַסקייט פון ווינדלען.
אַלץ טראָגט אין זיך
דעם ריח פון מילך.

ו

דאָס שטעטעלע אויפֿן באַרג וואַקסט,
וואַקסט מיך אַריבער;
פֿאַרטונקלט די ווינדלען וואָס האָבן אין מיר געבליט;
לאָזט שטיין הינטער זיך אַלע מײַנע ווערטער.
קליין, מיט אַ פֿאַרגאַפּט מויל,
זע איך, ווי עס שלינגט אײַן זונען
וואָס איך האָב פֿאַר אים אויסגעכאָוועט.
גלאַנצנדיק, מיט אַלע שויבן,
שטיפּט עס אַרום איבער די בערגלעך
און געבוירט ליכט פֿון זיך אַליין.

ווײַסקייט אַרויסגעזונגענע פֿון ווענט
צינדט אָן נאָך מער ווײַסקייט.
ס'איז דאָס גרויסע אַרויסשיילן זיך
פֿון דלד אמות אויסגעשפּינטע אין לבֿנה־נעכט.
ס'איז דאָס גרויסע אַרײַנפֿלאַטערן, נאַקעט,
אין אַ נײַעם טאָג.
הייס, מיט ניט געזעטיקטע בלוטן,
בין איך אויך גרייט אַרויסצופֿלאַטערן פֿון זיך,
זיך שטעלן אויפֿן קאָפּ,
שלינגען פֿײַער,
גרייט צו לויפֿן מיט פֿולע עמערס
איבער דער גאַס,
אָפּפֿאַרבן אַלע אותיות
ווײַס.

ז

און אַזוי פלעכט איך זיי אַרײַן אין בראשית:
פֿאַרשניץ די ליפּן צו אַ נײַער שפּראַך,
לערן אויס זייערע אויגן זיך אָנטאָן אין גרינע קאָלירן.
זייערע פיס, שווערע פון וואַכעדיקייט,
צעשטאָכענע פון גלאָז און פון קראָפּעווע
שפּאַן איך אײַן ווידער אין פליגל
און לאָז אויף זיי אַראָפּרינען די זון.
זאָל גליִען די זון
און אויפטײַען אַלץ וואָס איז אײַז געווען.
זאָל גליִען די זון,
זיי איבערניצעווען
דורך און דורך.

ח

ווענט — ווײַס.
ווינט פֿאַרשרײַבט אויף זיי
די ערשטע „שורה־גריזן" פון אַ שטאָט.
ייִדיש האָט דאָ ניט קיין האַפט.
דאָ כוואַליען זיך טראַפּן:
שווי — לי, שווי — לי, שווי — לי.

ט

מיט גרויסע קאַסקעטן איבער די אויגן,
ווייסן זיי ניט וואָס מיט זיך צו טאָן.
זיי ווייסן נאָר אַז זיי זענען דאָ.
אַז די גאַסן וואָס רינגלען זיי אַרום

װעלן פֿון הײַנט אָן זײַן אויך זײערע.
אַז דער שליסל װאָס ליגט אין זײער קעשענע
װעט פֿון הײַנט אָן אויפֿמאַכן פֿאַר זײ
טירן, װענט, טעג.
אָן אַ שיעור טעג,
גאַסן.
נאָר זײ װײסן ניט װאָס מיט זיך צו טאָן.

צום אָנדענק פון
מײַן שוועסטער בערטאַ

רעגן־בויגן צוקאָפּנס

קיר״ה־לאַנד

קליינע זכרונות פון קיר״ה־לאַנד.
די ווינער קאַרעטע גרייט
זיך צו לאָזן אויף וועגן פּאַפּירענע
איבער יידישער אייביקייט.

*

מיר, וואָס געזונגען: בלומען און קיר״ה־לאַנד —
בלומען נאָך דאָ, נאָר ניטאָ מער קיין קיר״ה־לאַנד.
מיר, וואָס געפאָרן אויף קאַרעטעס ווינער —
געבליבן פאַרשפּילער, ניט קיין געווינער.

ווײַל ניטאָ מער די פּאַווע, די גאָלדענע פּאַווע,
און די כוואַליעס פון טשערמוש, די קוטשעראַווע.
און די אויסגעשטערנטע בערג פון קאַרפּאַטן
זענען בערג פון זכרונות אויף קאַרק דעם האָרבאַטן.

ניטאָ משה־לייב, וואָס האָט אין פאַרליבטקייט
פּײַקעס מיט לידער צו אונדז צוגעפּיפּקעט.
נאַדיר — וואָס האָט פון נאַרײַעווער העקן
מיט שטיף און מיט לאָנקע געפּרווט אונדז פאַרדעקן.

ביקל ניטאָ, וואָס האָט מיזרח־וואַנט־יידן
מיט חכמה־שטיין בלאָען אין וועלט אויפגעקליבן,
דעם זײַדענעם ייחוס פון ק״ק קאָלאָמייע
אויף יידן אַרויפגעטאָן ווי אַ קמיע.

מאַנגער ניטאָ, וואָס אין שטילע בײַנאַכטן,
האָט בעש״ט פולע זשמעניעס מיט לידער געבראַכט אים.
און געבליבן גאָטס האַנט אויסגעשטרעקט איצט אין הייכן —
אָן היימישע שטעטלעך וועט ווער זי דערגרייכן?

קיר״ה־לאַנד, קיר״ה־לאַנד, זילבערנער יאָדער
פון יידישן ניגון: פידעלע בראָדער,
זלאָטשעווער פלייט און קאָסעווער אומעט,
ניגון פון צאַנקענדיקן נר־תמיד

אין אַ שולעכל ערגעץ; ניגון פון סאַמעט
אויף ליפּן פון אַ נוטה־למות־מלמד;
און ניגון פון טראַקטן: ניגון פון קראָמען
מיט מעשענע גלעקלעך און ציילן מזומן,

און אויסגעמישט מיט הו־האַ פון הוצולן,
וואָס פלעגן יאַרידן און שענקן פאַרפולן.
מיטן מו פון די ערשטע לאָקאָמאָטיוון,
און הירזשע פון פערד, איבער לאָנקעס געטריבן.

קיר״ה־לאַנד, קיר״ה־לאַנד — בלאָער געפלאַטער
פון וואַלסן פון ערשטע און ערשטן טעאַטער,
פון יונגען וואָס קוקן, צעפלאַמט פאַר מבינות,
אויף פריילינס מיט זאָנטיקלעך און קרינאָלינעס.

קיר״ה־לאַנד, קיר״ה־לאַנד, זיסע גימטריה,
וואָס נעמט אָפּ די שליטה בײַם שטן־מקטרג,
און פאַרבינדט, דורך ריחות פון בעזן און גראָזן
אַ בלאַט פון ש״ס מיט אַ בלעטל שפּינאָזע,

און פאַרגלעט מיט אַ שמייכל פון אחרית־הימים
הויקערס אויף פלייצעס, קנייטשן אויף פנים.
און — דחקות ניטאָ, ניטאָ ד׳ אמות,
נאָר זיפצן פאַר נחת־פון־קינדער דער מאַמעס,

נאָר טאַטנס בנעימותדיק גלעטן דאָס בערדל:
ווערן ווייץ... פּראָפּינאַציע... פּריצישע ערדן.
און אַלץ אונטער רעגן־בויגן פון חסד.
און אַלץ אונטער רעגן־בויגן פון חסד.

*

האָט מען געטריבן די גומענע רעדער
און מיטגעשלעפּט טראַקטן צו וואַרעמע בעדער
אין קופּערטס און קאַסטנס האָט מען געקליבן
עולם־הבאס און זיי אויף וועקסלען פאַרשריבן.
זענען געוואַקסן בנים און איידעמס,
און אַלע מיט צוגעזאָגטע גן־עדנס.

*

מיר, וואָס געזונגען: בלומען און קיר״ה־לאַנד —
בלומען נאָך דאָ, נאָר ניטאָ מער קיין קיר״ה־לאַנד.
מיר, וואָס געפאָרן אויף קאַרעטעס ווינער —
געבליבן פאַרשפּילער, ניט קיין געווינער.

מײַן װעג צו יהואשן

א

מײַן װעג צו יהואשן —
װי דורך אַ גלעזערנער טיר,
װאָס אַ װינט פֿול בעז
האָט, מיט אַ מאָל,
פֿאַר מיר אויפֿגעפּראַלט.

כ'װיל זיך אויסלערנען בײַ אים
אָפּפֿאַרבן די װעלט אויף גרין,
אַרײַנשטעקן זונען אין איר לאַץ;
צו זײַנע לעגענדעס
צולייגן מײַן אויער,
הערן װי זיי פּליעסקען
װידער צו מיר אַרויס
װי אַ קװאַל.

ב

װען איך לייען יהואשן,
טראַכט איך
װעגן די װערטער פֿון טײַטש־חומש,
קליינע, װאַרעמע,
געקומענע זיך אויסלייגן,
װי שעפּסן צו זײַנע פֿיס.

טראַכט איך װעגן די שטערנטיכלעך,
איבערגעלאָזטע פֿון באָבעס בירושה,
און װעגן די סאַמעטענע תּפֿילין־זעקלעך

אויסגעשטיקטע מיט רויזן,
וואָס די באָבעס —
זײַענדיק נאָך כלה־מיידלעך —
האָבן צוגעגרייט,
רויז נאָך רויז,
וואַרטנדיק אויף זייערע חתנים.

אַ בלאָ כּישוף־שטעקעלע האָט יהואש געהאַט
מיט וועלכן ער האָט געקאָנט אויפוועקן
די ווערטער פון טײַטש־חומש,
זיי אָנטאָן מיט רויזן פון תּפילין־זעקלעך —
און אָט זענען זיי פליטערלעך, פלאַטערלעך,
טראָגן אַוועק אין לאַנד פון לעגענדעס,
פאַרפולן — רעגן־בויגן־פאַרביק — דעם הימל
ביזקל האָריזאָנט.

געהאַנגען איז דעמלט אַ גרויסע זון איבער ניו־יאָרק.
דאָס שטעטעלע וואָס אין די בראָנקס איז גראָד געהאַט אַרויס
פון זײַנע ווינטערדיקע בגדים
און אײַנגעזאַפּט אין זיך די ריחות
פון אַ יונגער וועלט.
שנײַדער־שאַפּן האָבן ברייט אויפגעפּראַלט
טירן און פענצטער —
איז יהואש אַרומגעגאַנגען
שלאַנק,
געדרייט מיטן שטעקעלע,
געשעפּט ייִדיש אין די זשמעניעס,
געהאַט גאָלדענע אויגן
פולע מיט תּנך.

ג

די בלאָע וווּנדערפייגל וואָס יהואש האָט באַהאַלטן אין תּנך—
זינגען צו מיר אַרויס,
דערציילן מיר די וועלט יידיש:
רחל רעדט ווי מײַן מאַמע האָט גערעדט.
גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב
איז דער גאָט מיט וועלכן מײַן מאַמע פלעגט זיך דורכשמועסן
אויף דער פולער וואָך.
(די אבות מיט זייער לך־לך
דערמאָנען מיר שטענדיק אין מײַן טאַטן מיט זײַן פערד־און־וואָגן
איוף די ביטערע וועגן פון נע־ונד).
יידיש — ישעיה, יחזקאל,
ווי אַלע האַרבע, פרומע יידן פון מײַן דאָרף,
ווי מײַן רבי פּײַוויש וואָס האָט בלאָע סימנים
מיר געלאָזט אין לײַב.
שולמית פון שיר־השירים, ווען זי רעדט יידיש,
שיידן זיך פון איר אָפּ אַלע שלמה המלכס פּאַלאַצן
און זי ווערט ווידער דעם שכנס טעכטערל שולמית,
מיטן שנירל קרעלן אויפן האַלדז,
מיט די שוואַרצע, שטיפערישע אויגן,
וואָס צעטאַנצן ערשטע, שעמעוודיקע ווערטער
פון מײַן ליד.

קינדער־יאָרן

פאַר א. סוצקעווער

א

ערגעץ ווו, אין אַ ווינקל פון מוח,
בין איך נאָך אַלץ קליין,
שפּיל זיך אין „בלינדער קו" מיט אַ שאָטן,
הוידע זיך אויף אַ שטראַל פון זון,
גאָף: אַ משיח־פערדל
האָט פאַרגעסן ווו ער דאַרף גיין.

רייד, איינגעטונקענע אין גוטסקייט,
מאַניען ניט.
איך חלום פון ווייסע טויבן,
שפּיגל זיך אין אַ ווינטשפינגערל,
טו אַרייַנכּישופן אַלע גוידערדיקע מומעס
אין אַ שטייַג,
זיי צו ווייַזן ווער איך בין.

„בעז איז די שענסטע קאָליר אויף דער וועלט
אַפילו שענער פונעם הימל",
אַזוי זאָגט מייַן רבי פּיַיוויש,
אַרייַנטוענדיק אין דער אָפענער טאַבעק־פּושקע
זייַן נאָז,
וואָס איז פון לאַנגן קוקן אין דער לבנה
בלאָ געוואָרן.

ערדענע קרוגן אויף פּלויטן. מעשענע הענער אויף דעכער.
דעם גבירס סויבלענער פעלץ

לופטערט זיך איבער דער גאַנצער גאַס.
מ׳זאָגט אַז דער גביר האָט אַהיים געבראַכט
פון יאַריד אַ נײַעם, גאָלדענעם פּאַטעפאָן.
מיר האָבן גרויס דרך־ארץ.

ב

פּאַפּירן האָבן געבליט
זיי זענען געווען מאַגנעט.
זיי האָבן צוגעצויגן צו זיך
די זון, די לבנה
און אַלע מײַנע חלומות.
ניט איך האָב אויף זיי געשריבן —
זיי האָבן געשריבן זיך אַליין.
פון העלער הויט האָבן זיי געקאָנט
אַוועקזעצן אויף זיך פערד־און־וואָגן
און אַוועקפליִען מיט מיר אין דער בלאָער וועלט.
מיט איין ווונק
האָבן זיי געקאָנט די וועלט צונויפרופן
און מיר אַרײַנלייגן, גרייט, אין דער קעשענע.
ווי אַ שׂררה בין איך אַרומגעגאַנגען
און געזען ווי די פּאַפּירן לויפן מיר נאָך
מיט אַ באַרג מיט ווערטער.
איך האָב די ווערטער אַפילו אויפקלײַבן ניט באַדאַרפט.
זיי זענען געקומען פון זיך אַליין.

ג

ווען גאַזלאָמפּן האָבן געברענט
זענען קאַלוזשעס געווען פון גאָלד און פון זילבער,
ווענט זענען געשטאַנען אָפּגעגאָסן מיט גרין,

און מיר זענען געווען
דאָס שוואַרצאַפּל פון דער וועלט.

האָבן זיידעס דעמלט געהאַט ווײַסע
זײַדענע בערד.
מיר האָבן געגלייבט אין אליהו הנביא
און, להבדיל, אינעם „דיעד מאָראָז״.
מיר זענען געגאַנגען איבער כמאַרעס
און שיך האָבן מיר ניט באַדאַרפט.

ווען גאַזלאָמפּן האָבן געברענט
האָט עמעץ, יעדע נאַכט,
מיר אונטערגעזאָגט:
פליִען איבערן סמבטיון;
וואַסילס טויבן וואָס גייען אַלע
אַריבער אויף מײַן דאַך,
און די ווייכע,
פלאַמענדיקע האָר
פון רבקהלע דעם מלמדס.

מ׳איז געווען גאַנץ.

ד
און כמאַרעס האָבן קיין שליטה ניט געהאַט.
מ׳האָט שטענדיק געקאָנט אָנצינדן
אַ רעגן־בויגן צוקאָפּנס,
אַוועקשפּאַנען אַהין,
ווּ קיין פּחד איז ניטאָ.

אויסגעשטעלטע אין ריי,
ווי געגדזעלעד,
האָט מען שטענדיק געקאָנט אויסשפּרייטן די פליגל,
אַוועקפליִען
און איַיננעמען די וועלט.

פון הינטן — דער מבול.
פון פאָרנט — ר׳ פּיַוויש
מיט דער קליאַטשענער באָרד,
אין וועלכער אַלע אונדזערע תּשעה־באב „בערלעך״
האָבן געפונען אַ באַהעלטעניש.

כמאַרעס האָבן קיין שליטה ניט געהאַט.

ה
מיַין קליינע היַזקע
איז פאַר מיר שטענדיק געווען די גרעסטע.
זי האָט יעדן טאָג זיך געבאָדן אין בעז,
יעדע נאַכט זיך אָנגעטרונקען מיט שטערן.
שיכּור
איז זי געשטאַנען מיט אָפענע טיר־און־פענצטער
צו דער וועלט.
לבנהשע גאַסן און געסלעך
האָבן זיך געדרייט, געקניפּט
און צום סוף, דאָרשטיק, צוגעפאַלן צו איר שוועל.

ו
איז מען געווען געשלאָגן מיט לבנה.
שיכּורע קעץ זענען אַרומגעשפּרונגען אויף דעכער.

פון אַלע לידער האָט געאָטעמט אַ בלאָער פלאַם.
די סטעזשקעס האָבן אויסגעזען ווי סטענגעס פּאַפּיר
וואָס וואַרטן אויף דײַן פּען.
עמעץ האָט אַלץ נײַע ווערטער
אַרײַנגעפּיקט אין דײַן מוח.
ביימער האָבן געטאַנצט.

ז

זענען דעמלט די בערד פון די טאַטעס
געווען געגליכן צו פּעסטונגען
וואָס מ׳דאַרף אײַננעמען.
געשטאַנען איז מען אין מיטן דער וועלט
און אַלץ האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דײַן אויג.
דער קרײַז פון שטערן האָט זיך אָנגעהויבן פון דיר
און פון דײַן האָפערדיקייט.
געווען פעסטונגען וואָס מ׳האָט געדאַרפט אײַננעמען,
געווען דער זיסער אָנזאָג
פון מיידל,
פון ליד,
פון לבנה וואָס גייט אויף
אין דײַן בלוט.

מידבר

זמר ניטאָ מער. מידבר בלײַבט מידבר
אויך אויפֿן פּאַפּיר.
שורות וואָס איך האָב אויף אים אַ מאָל געהאַט אָנגעצונדן —
אָפּגעמעקט,
בלינד געוואָרן.
וווּהין וועלן פֿירן די טריט?

רעקוויעס

נאָך אַוועקגעגאַנגענע שרייבער

זיי גייען אַוועק פּאַמעלעך. גייען אַוועק וועלט נאָך וועלט.
לאָזן איבער טעג ליידיקע, אויסגעברענטע זונען,
טונקל גראָז.
הערא͏ָזקאַ פון יאָרן שפּאַנען־איבער־חורבות,
פון פּרוּוון אָנטאָן חורבות אין בעז.
הערא͏ָזקאַ פון אויסשפּינען ווערטער פון בעז
און זיי אַרײַנגייען אין פּרוכתן:
לידער וואָס האָבן געמיינט אַלץ אַרומנעמען.
אַפילו דעם טויט.

ווערטער

דאָ ווערטער מיט וועלכע מ׳לייגט זיך שלאָפן.
דאָ ווערטער אין וועלכע מ׳שפּיגלט זיך גאַנצע טעג,
און מ׳קאָן זיך ניט גענוג אָנזעטיקן.
דאָ גרינע און בלאָע און יונגע ווערטער
וואָס קלינגען ווען מ׳רירט זיי אָן.

און דאָ דער פּחד אַז ערגעץ האָט מען זיי שוין געזען;
אַז מ׳האָט שוין אַרומגעטראָגן זיי אויף יאַרידן;
אַז מ׳האָט שוין דאָס אַלץ געזאָגט.

*

מענטשן פון דער גאָרער וועלט.
שטעל זיי אַרונטער אונטער איין הימל,
זעץ זיי אויס בײַ איין טיש.
געפין דעם שטיין
פון וועלכן מ׳קאָן אויסדליבן דאָס וואָרט: היים.
שפּיגל זיך אין אָט דעם וואָרט,
ווו די זון גייט קיין מאָל ניט אונטער.
לערן זיך אָט דאָס וואָרט.

*

זײַן אויף אַ רגע אינעם בלאָז פון ווינט.
זײַן אַ קערנדל שטויב
צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע.
פּאַטשן אין שויבן
און וויסן:
עמעצן וועקסטו דאָרט אויף.

אַרויפדרייען זיך צו אַ הימל
וואָס אַנטלויפט פאַר דיר,
אָבער פילן:
דו יאָגסט אים נאָך.

*

פּאַלדעווע צונויף דאָס פּאַפּיר.
מאַך פון אים אַ נאַרן־מיצל.
מאַך פון אים אַ שיפל און פאָר מיט אים אַוועק.
זײַ ניט מחויב צוצונאָגלען דאָס פּאַפּיר מיט ווערטער.
זײַ ניט מחויב צו זאָגן: ווערטער — שטערן.
זײַ ניט מחויב.
פּאַלדעווע צונויף.
פאָר אַוועק.

*

צווישן אַלע שטיינער וואָס כ׳קען —
האָב איך ניט געפונען דעם שטיין פון חכמה.
מידבר איז ניט געוואָרן גאָלד.
מײַן קליין פּנים
איז געבליבן אײַנגעטונקען אין אַש.

איבער אַלע שטיינער וואָס כ׳האָב אויסגעלייגט צוקאָפּנס,
איז ניט געוואַקסן קיין לייטער,
מלאכים זענען אויף אים ניט אַרויף־אַראָפּ.
און מײַן לבנה איז קיין גאָט ניט געווען.
איך בין געבליבן ווי נעכטן, אייערנעכטן.
מיט אַלע שטיינער פון אַ גאַנץ יאָר.
מיט אַלע טרערן פון אַ גאַנץ יאָר.

שטויב

און די וואָס וואַקסן אַרויס פון שטויב —
וועלן צוריק קומען צום שטויב.
ער וועט זיך אַרויפליייגן אויף זיי פּאַמעלעך,
אויף זייערע ברילן,
אויף זייערע האָר,
אויף די הימלען וואָס זיי האָבן זיך אויסגעטראַכט,
אויף די פּאַפּירן וואָס פאַרשטעלן זייערע הימלען.
גראָער שטויב, דינער,
אָנגעהויבענער פון האַרץ.

עקדה

רינגעלעך פון פחד
ווערן פֿאַמעלעך אַ קייט,
בינדן מיר אַרום הענט און פיס.

מײַן טאַטע האָט מיך קיין מאָל
ניט געוואָלט פירן צו דער עקדה.
געווען איז ער געבונדן ווי איך.
נאָר ער האָט מיך געפירט.

ליג איך איצט אויפן מזבח,
מיט מײַן טאַטן אין מיר,
מיט מײַן זיידן אין מיר.

קיין אַנטלויפן — ניטאָ.

*

זאָג ניט אַז איך וועל מוזן ווײַטער זוכן
אַ גרעזל,
אַ שטיקל זון.
שטעל מיך ניט אַוועק
ווידער פּנים־אל־פּנים
מיט דערנער
וואָס מענטשן האָבן פֿאַר מיר אויסגעטראַכט.
ברען ניט ווידער
אין מיר אויס מעסערס,
אויגן,
פּחד פֿון ניט קאָנען אויפֿהייבן אַ האַנט.
לייג מיך ניט ווידער אַוועק
אונטער אַלע פֿיס.
וועק מיך ניט אויף.

צימצום

לזכר י. ב. א.

ער האָט זיך אײַנגעצימצומט,
ביז דער אָרון
איז געוואָרן די מאָס פון זײַן וועלט.

שטערן,
וואָס האָבן אַמאָל פאַר אים געפינקלט,
האָט ער איצט אַרײַנגענומען
אינעווייניק.

תּלמידים,
וואָס האָבן אַרום אים, אַמאָל געמורמלט,
זענען געוואָרן גראָז.

און ניט געווען מער ווי דאָס גראָז.

דער לעצטער למד־וואָוו

אַז קיין ל מ ד ־ ו ו אָ ו ו וועלן מער ניט זײַן, און ניט זײַן
וועט ווער ס׳זאָל די חשכות דערהעלן —
וועל איך זוכן דעם ל ע צ ט ן, דעם צדיק פון כעלעם,
וואָס וואָגלט אַרום נאָך, וועלט־אויס און וועלט־אײַן

מיט אַ ליכטל אין האַנט. און ס׳וועט זײַן אַז כ׳וועל אים
געפינען, ווי ער קוקט פאַרכישופט אַרײַן
אין אַ חורבה אַן אַלטער — וועט זיך אַ שײַן
אין מיר אָנצינדן, ווי אַ זילבערן פלעמל.

וועל איך וויסן: דאָס איז דער א ו צ ר. פון כעלעם
געבראַכט מיר צו פירן דורך וואָגל און פּײַן,
כ׳זאָל ווידער מיט אים, אויף אַ רגע כאָטש, זײַן.
אויף אַ רגע — פאַר נאַקעטער וועלט מיך פאַרשטעלן.

צדיק פון כעלעם. בלאָ־קאַנטיקער אוצר,
אין אַ וועלט אַ ווילדער, פרעמדער און גרויסער.

נבות

כרם היה לנבות היזרעאלי (מלכים א׳ כ״א)

נאַכט האָט אין מיר אויפגעעפנט
אַלע טרערן פון נבות.
איך בין דערשטיקט געוואָרן פון די טרערן,
נאָר אויסשטרעקן מײַן האַנט צום מעסער
האָב איך ניט געקאָנט.

בין איך געגאַנגען מיט די טרערן
באַרג־אַרויף צו אחאב.

צו זײַן קרוין פון מירמל אין לבנה,
צו די פאַקלען אין די בלאָע ווענט.

איך האָב פאַר אחאב אויפגעסילעט טרער נאָך טרער.
דעם ווײַנגאָרטן אַרויסגעבילט פון מיר
און דאָס פאַרשטיינטע, ווײַסע פנים פון נבות.

ער האָט, אחאב, געלאַכט.
ער האָט דעם גאַנצן מירמל פון זײַן פאַלאַץ
אויפגעקליבן אין זײַן פויסט
און נאָכגעוואָרפן נאָך מײַן פעל.

בין איך געלאָפן מיט אַ שנירל בלוט אונטער די פיס.

דער ווײַנגאָרטן איז געלעגן טונקל, ווי אַן אָפן מויל.
נבות איז געווען טויט.

*

לייג אין מיר אָפּ אַ סך טרערן.
לייג אין מיר אָפּ דעם ווײַנגאָרטן פון נבות.
לערן מיך אויס אַרויסצושפּראָצן פון זיך
אַ סך דערנער, אַ סך קראָפּעווע.
זאָלן זיי שרײַען צו דער וועלט.

דאָס וואָרט

אין לאַנד פון עלי־בבא.
אויסמעסטן אַ סך איינזאַמקייט ;
אַרײַנקוקן אין די אויגן פון אַן אייזעלע,
אַ באַלאָדנס מיט זונפאַרגאַנג ;
אײַנאָטעמען אין זיך די גראָקייט פון איילבערטביימער
און וויסן — ניט דער חרדון * וועט זיי לעבעדיק מאַכן,
אויך ניט דער אַראַבער, דער באַשלאָגענער מיט נאַכט ;
אַרײַנרײַטן אין נאַכט
און הערן הינטער זיך די קאָפּיטעס
פון פערציק גזלנים.
וויסן : דאָס זענען די גזלנים פון עלי־בבא ;
אַז די בערגלעך אַרום
וועלן זיך באַלד אויפשטעלן דיבאָם,
דיך אַרומנעמען,
דיך אײַנשלינגען.
און וויסן :
מ׳האָט געדאַרפט עפּעס זאָגן,
נאָר מ׳האָט פאַרגעסן דאָס וואָרט.

---

* חרדון — אַ מידבר־יאַשטשערקע.

כראָניק

אין יענעם זומער
האָבן זיך געהאַט אָפּגעטאָן פון מיר
דאָס גאָלד פון די אויגן,
די איידלשטיינער פון ירושלים.
זענען די הײַזער געשטאַנען
מיט ריפּן אַרויסגעשטאַרצטע צו דער וועלט,
שטויב האָט זיך געדרייט,
שוואַרצע פּאַנטערס
האָבן זיך אײַנגעביסן אינעם פלייש
פון יעדן דורכגייער.

אין יענעם זומער
האָבן שטיינער אָנגעהויבן צו ריידן —
דאָס פּאַלן פון אַ שטיין
איז געווען הויך,
ס'האָט יעדער עס געהערט.
זענען די הימלען געהאַנגען
אָפּגעפּאַרבטע אויף ווידעלעט,
שילדן האָבן אַרויסגעשטעקט
רויטע צינגער.
ניט געווען וווּ זיך צו באַהאַלטן
אַפילו ניט אין אייגענעם האַרץ.

אין יענעם זומער
האָט אַ לץ
איבערגעקערט דעם בעכער מיט טרערן

און משיח האָט ניט געקאָנט קומען.
געקומען דער מבול.
מ'האָט געמוזט אָנהייבן
אַלץ פֿון דאָס נײַ.

אין בית־שאן

שטויבן אין בית־שאן.
כ'שרײַב װערטער אין שטויב.
כ'קריץ אײַן טעג
װאָס דער װינט װעט אַװעקטראָגן.
קיינעם אַרט ניט דער באַרג
װאָס נעמט אַלץ אַרײַן,
דעקט אַלץ צו.

*

אַלץ שוין געװען:
געסלעך געקניפּטע צו געסלעך.
ברוינע הינט, װײַסע הינט, קרעציקע —
אין יעדער צײַט.

זון האָט אַלץ שוין פֿאַרשריבן אין איר טאָװל:
שטיבער האָרביקע,
שפּיציקע,
גלײַכע —
אַלע צעפֿאַלן אין שטויב.

און עמעץ האָט זיכער דאָרט װי איך, אַמאָל, אויפֿגעקליבן
שערבלעך,
װערטער,
לידער —
װײכער צו מאַכן מיט זיי זײַן טויט.

מלחמה

א

מולד —
ווען דו שווימסט אַרויס,
און די גאַסן פון מײַן לאַנד
ווערן פול מיט מענטשן,
די גאַסן פון מײַן לאַנד
שטייען דערטרונקענע אין גרינעם גלאָז.

מולד —
ווען דו שווימסט אַרויס
און ציסט צו אונדזערע בלייכע פּנימער
ווי מאַגנעט,
טרײַבסט צונויף אונדזערע הערצער
ווי אַ טונקעלן וואַלד.

ווו בין איך?
ווער האָט אויסגעטרונקען מײַנע פּיס?
ווער האָט מײַנע אָדערן
אויפגעשטעלט דיבאָם?

אויף אַלע באַרגשפּיצן
זע איך דיך אַרומשפּרינגען,
אַרומפּינקלען
מיך אַרומבינדן מיט דײַן גאַל.

ב

שאַבריזע אין הימל.
ס'איז דער מולד
פון קלאַפּנדיקע הערצער,
פון בלינדע טירן.
מיט גרינע פינגער
לעכערט ער דורך די ווענט
און קוקט צו אונדז אַרײַן.
דורך אַלע שײַבלעך
וואַרפט ער אַרײַן
זײַן אָרעם.
באָרוועס
לויפט ער אונדז נאָך
אינעם טיפסטן וואַלד.

ג

לאָדן — פאַרשטשעמעטע ווי וועלדער.
ניטאָ קיין שטערן וואָס זאָל אויפגיין אין מײַן ליד.
ניטאָ קיין לעמפל וואָס זאָל אויפסילען די שורות.
ווערטער פלאַטערן ווי פייגל
אויף מײַן שוואַרץ פּאַפּיר.

ד

בלוט רינט. אומעטום.
אין אבו־עגיילא.
אויפן שליאַך פון סדום.
אויף די ראַנדן פון דער לבנה.
באַשרײַבט די פּאַפּירן
מיט אַ ציטערדיקן כתב.

קלאַפּט אָן מיט שאַרפע פינגער
אין אונדזערע ווענט.
איז אין אונדזער שלאָף.
קוקט אַרײַן אין אונדזער אויפשטיין.
מאַמעס וויקלען אײַן די קעפ
אין טיפע שאַלן
און לויפן אַרויס אין מיטן נאַכט.
לעמפלעך טרינקען זיך
אין אייגענער רויטקייט.

בלוט רינט. יעדע שעה.
אָט האָט עס אַרײַנגעטריפט
אין דער שטילקייט פון אַ גאַס,
אָט האָט עס אַדורכגעצינגלט
ווי אַ פאָדעם אונדזער מוח.
אָט שטייען מיר:
עיגול ווײַסע פנימער,
בלוט אין אונדזער מיט.

ה

אויף אונדזערע קליינע הײַזקעס איז געפאַלן די נאַכט.
נאַכט אין די שײַבלעך.
נאַכט איבער די טישן ווו ס'האָט געקיניגט די פרייד.
מאַמעס דרייען זיך אַרום און אָטעמען נאַכט.
זייערע ווײַסע פינגער טאַפּן,
זוכן אַן אָנשפּאַר אָן ווענט,
אָן פאַרגעלטע בייגעלעך פּאַפּיר.
הײַזקעס אויסגעגאַנגענע
קניִען פון צו פיל געדעכעניש.

קינדער

א

קליינע פּיס האָבן זיי געהאַט.
די ווענט זענען פול געווען מיט זייערע שמייכלען.
הוי, ווען מיר פלעגן זיי אויפזעצן אויף אונדזערע אַקסלען
און מיר זענען גרעסער געוואָרן מיט אַ קאָפּ!
בלינדע פלעגן מיר זיך אַרומוויקלען מיט זייערע הענטלעך,
אַרומטראָגן אין בוזעם דאָס ליכטל פון זייער קול.
אויף האַרטן טיש האָבן מיר מקריב געווען אונדזער ברויט —
וועמען האָט עס געאַרט!
אויף דערנער פלעגן מיר שלאָפן,
נאָר ס'איז געווען מלכות.

ב

ליכטלעך וואָס גייען אויס אין די שטעטלעך
איינס נאָך איינס
זענען ניט קינדער וואָס זענען אַוועק אין די קאַמפן.
קינדער גייען ניט אויס.
זייער ליכט בלײַבט הענגען אין מוח,
ברענט אויס לעכער אין האַרץ,
קניט לעבן דײַן צוקאָפּנס
שטיל, שטיל,
אַפילו ווען זיי קומען ניט צוריק.

בײַ גרענעצן

װײס איך ניט פֿון װאַנען ס׳קומט דער יִאוש.
צי פֿון די אױסגעזעצטע שױבן,
פֿון דער שפּין אין אױג,
פֿון טיש װאָס האָט ניט מער צו זאָגן מיר קײן װאָרט?
צי פֿון די גראָזן
— אָט די קאַרליקלעך אין גרין —
װאָס זענען נאָכגעלאָפֿן מיר צו יעדער הײם,
און איצטער ליגן זײ דערשטיקט פֿון ערד,
און שװערע טרעטן שיך אױף זײ אַרום,
און ס׳איז ניטאָ קײן בריק מער
צװישן זײ און זון?

*

פּחד פֿון בלײַבן אַלײן,
אַרומגערינגלט פֿון שאַקאַלן
װאָס מאַכן נענטער די גרענעצן,
ברענגען זײ אַרײַן אין שטוב.
פּחד פֿון בלײַבן אַלײן אַפֿילו אין שטוב,
מיטן טיש װאָס שװײַגט,
מיטן ברױט װאָס אָטעמט ניט מער,
מיט די אױסגעגאַנגענע שױבן.
פּחד פֿון בלײַבן אַלײן
פּנים־אל־פּנים מיט דער נאַכט,
מיט זיך.

לבנה

לבנה איז גוט געווען, איידער מ׳האָט זי איבערגעלאָזט.
מ׳האָט פון איר געקאָנט אויסקנעטן כאַטעס,
מ׳האָט זיך אין איר געקאָנט אַוועקלייגן,
אַוועקשווימען מיט איר,
ווי ווײַט דאָס וואָרט האָט געגרייכט.

מיט קליינע הענט האָט מען געקאָנט אַרומנעמען איר פּנים.
געמיינט — ס׳איז דאָס פּנים פון דער מאַמען
(אַ בלייך פּנים האָט זי געהאַט און געשמייכלט שטענדיק,
אויף ווי ווײַט מ׳געדענקט)

אַ פרוי געווען. אַ געליבטע,
וואָס מ׳פלעגט אָפּוואַרטן יעדע נאַכט.
זי פלעגט נאָכגיין
ביזן האַרץ פון וואָרט.
זי האָט געהאַט ווייכע פינגער
וואָס פלעגן צודעקן
אַפילו אין שלאָף.

עלעגיע נאָך אַ כאַטע

כאַטעס פליִען ניט מער צום הימל.
כאַטעס קליינע זענען צוגעבונדן צו דער ערד
און גרילן עסן זיי אויף.

הוי, ווען לבנה האָט אַרײַנגעשײַנט אין שײַבלעך
איז דאָך כאַטע פֿאַרביטן געוואָרן
אויף אַ זילבערנעם לאַבן ברויט!

קיין דאַך איז ניט געווען איבער די ווענט —
זענען אַלע שטערן אַראָפּגעפֿאַלן, אַרײַנגעפֿאַלן
גלייך אין האַרץ.

בעטן, שטולן, האָבן קיין וואָרצלען ניט געהאַט,
און דאָך איז דער לאָמפּ אירער געשטאַנען פּנים־אל־פּנים
מיט דער גאַנצער וועלט.

כאַטעס פליִען ניט מער צום הימל
כאַטעס קליינע זענען צוגעבונדן צו דער ערד
און גרילן עסן זיי אויף.

הימלען

הימלען פון כעלעם —
איך וועל זיך ווידער אַרונטערלייגן אונטער אײַך.
איר זענט נאָך גענוג גרויס אויף מיך צו קאָנען אײַנוויגן,
גענוג ברייט
אויף צו קאָנען צודעקן מײַן נאַקעטקייט.

די נײַע הימלען,
די וואָס איך האָב הײַנט אויסגעשפּרייט איבער מײַן קאָפּ
זענען געוואָרן די הימלען פון גאָרנס,
הימלען וואָס ריידן ניט,
הימלען וואָס גייען זייער גאַנג אַליין.

ווײַטע הימלען האָבן מיך אַרומגערינגלט.
פאַר מיר וואַקסן ניט אין זיי קיין בלומען.
נאַקעט בין איך מיט אַ מאָל געוואָרן
אויסגעשטעלט פאַר כּולו וועלט.

*

אָנטאָן אַלע דעכער אין גאָלד.
כאָטש וויסן, אַז בלויז אויף איין רגע.
כאָטש וויסן, אַז ס'איז בלויז דאָס גאָלד פון שטערן.

שפּרײַזן איבער די דעכער ווי אַמאָל
מיט קאַראָמיסל.
כאָטש אויף איין רגע,
כאָטש אויף איין דינעם פאָדעם פון זכּרון.

און אויסגיין צוזאַמען מיטן קאַראַמיסל
מיט די שטערן.
נאָר וויסן — כאָטש אויף איין רגע —
אַז מ'איז געווען.

אָפּשייד

מיד
מיט אַ סך לידער באַלאָדן,
באַהאַלט איך זיך יעדע נאַכט
אין מײַן פֿאַרכּישופטן ברונעם,
לאָז אַפּילו ניט איבער
דעם שמייכל
וואָס האָט מיך באַגלייט דעם גאַנצן וועג.

מ'זאָל ניט קאָנען קומען צו מיר
פֿאַרזיגל איך זיך מיט אַ פולער לבנה
וואָס איך האָב אָפּגעקויפט
האַלב־אומזיסט
ערגעץ אויף אַן אַלטן מאַרק.

מ'זאָל ניט קאָנען קומען צו מיר
האָב איך זיך אַרומגערינגלט מיט אַ וואַלד
פון שווײַגן.

מ'זאָל ניט קאָנען געפינען מיך
האַלטן זיבעציק האָזן,
מיט אויפגעשפּיצטע אויערן
איבער מיר
וואַך.

גדר

כ׳גדר זיך אַרום מיט אַ סך בלומען.
אַ סך ווערטער.
דאָס שווײַגן זאָל ניט אַרויסלויפן פֿון מיר —
שטעל איך זיך אַרום מיט הײַזקעס וואָרע,
הײַזקעס אויסגעטראַכטע,
לאָז זיי פּאַרפּולן מײַן האָריזאָנט.
די איינזאַמקייט זאָל ניט אויפהערן
צו בלײַען אין מיר —
רוף איך צונויף פרויען, קינדער, שטערן
זיי זאָלן שוויבלען אַרום מיר
אין קרײַז.

מײַן מאַמע

די שטיינער פון בית־לחם זענען שווער.
איך קען זיי אַלע נאָך פון צאינה־וראינה,
ווען טונקעל לעמפּל פלעגט אין כאַטע ברענען,
ווען מאַמע פלעגט פאַרזאַלצן מיט אַ טרער

דעם זיסן ניגון פון „ויחי״ און פלעמל
פלעגט אויסשפּינען אין ווינטערנאַכט אַלץ מער
דעם וועג וואָס פירט קיין אפרת... עמעץ ווער
געלאָפן איז נאָך רויכנדיקן קעמל,

עמעץ — צוגעפאַלן איז צו ווײַסן שטיין.
פלעג איך זיך דעמלט פילן גאַנץ אַליין,
ווי יעקב מיט זײַן פרישן קבר.

געזען כ׳האָב: גאַנצע וועלט פול שניי ווערט.
שניי דעקט צו מײַן מאַמען, איר בטחון,
איר וואַרטן אויף אַ נס. זי האָט געהייסן רחל.

קנייטשן

פאַרגעלט געווען
פול קנייטשן
די מאַפּע פון איַער לעבן:
מזל עקדיש,
מזל לינדוואָרעם.
דער שטערן פון צפון
האָט אַזאַ געל פּנים געהאַט
ווען ער האָט אַרײַנגעקוקט
יעדע נאַכט אין איַער שיַבל.
איר האָט אַזאַ געל פּנים געהאַט
ווען איר פלעגט יעדעס יאָר
צולייגן אַ נײַעם קנייטש
צו איַער מאַפּע.
קנייטש
וואָס האָט אין ערגעץ ניט דערפירט.

יאַוש

לזכר יעקב גלאַטשטיין

די לידער שווײַגן. ווערטער פאַלן שטום
אַראָפּ פון בוים: ס׳איז צײַט פון פורעים
צוזאַמען מיטן ניגון וואָס האָט זיי געבוירן,
צוזאַמען מיטן וואַלד וואָס רינגלט זיי אַרום.

אויף די לובלינער טראַקטן וויקלט זון
איר אָסיענגאָלד צונויף. שוין אַלץ פאַרפרוירן.
יאַוש איז אַוועקגעפאָרן. צײַט פון פורעים,
צײַט אויפהענגען דעם ווינטער אויפן הימל. שטום.

און שאָטנס קנוילן זיך אין האַלדז. ווי אַש
פון ווערטער, ניגון, גלימצערדיקע הייכן.
ס׳איז צײַט פון פורעים. טאָג אַוועק מיט יאַוש.

וועט מער ניט קומען יאַוש מיט שטיף און שמייכל,
אויפפראַלן אין וועלט זײַן בלאָען היכל,
דעם אויסגעדליבעטן פון חכמה. טאַטע נאַש!

סופה

דודס איינגעפאַלענע סופה —
מײַן סופה,
וואָס איך האַלט אויף
מיט די לעצטע שטערן,
שטעק אין איר אַרײַן מײַן לעצטע בלום.
זאָג: בלאָ מײַן סופה,
שיין פאַר אושפיזין
און פאַר וונדערפייגל.
זאָג: אָפן פאַר קרוינען
און שטילקייטן.
דודס אײַנגעפאַלענע סופה.
מײַן קליין ליד.

פולע וואָך

אַזוי פיל זאַכן
בלײַבן ניט פאַרענטפערט
אויף דער מאַפּע פון מײַן פולער וואָך.
וויפל שטיינער כ׳וועל מוזן אַראָפּשלינגען,
וויפל לאָמפּן אין זיך אַרײַנדרייען,
וויפל כ׳וועל מוזן אָנווערן
פון מײַן פּנים וואָס איז געווען גאַנץ,
ווערן הונט,
ווערן שאַקאַל,
ווערן אַ וואָרעם,
פויזען איבער דער מאַפּע,
טראָגן אויף זיך די וועלט.

דערגיין

פאַרבן — אָפּגעבליאַקעוועטע פאַר דער צײַט.
נאָר עמעץ שטייט נאָך אַלץ און מאָלט אויס
אויפן הימל
זון, לבנה, שטערן,
און אַ גאָט וואָס הינטער זיי.
נאָר עמעץ שטייט נאָך אַלץ
מיט אַ לייטער
קלעטערט צו אים אַרויף.
יעדן פאַרנאַכט
קלײַבט ער צונויף שטיינער,
לייגט זיי זיך אויס צוקאָפּנס,
און איז זיכער אַז ער וועט דערגיין.
איז זיכער אַז ער וועט דערגיין.

שטערן

נאָך אַלע לידער וואָס איך האָב פֿאַרשריבן,
געבליבן בלויז די פֿאַלנדיקע שטערן.
שטערן, שטערן — און זײַן תּפֿילה.
שטערן, שטערן — און זײַן ליכט.

קידוש לבנה

א

לבנה קליינע,
לבנה גרויסע,
לבנה פון מײַן שטעטל,
לבנה פון אַלע שטעטלעך
און פון די זיידעס
וואָס זענען צו איר געשפּרונגען
חודש פאַר חודש.

ב

איידער מ׳וועט אין גאַנצן אײַננעמען די לבנה,
וויל איך באַהאַלטן אַ שטיקל פון איר
פאַר די זיידעס,
וואָס זענען אפשר נאָך דאָ,
פאַר די וואָס טאַנצן נאָך אפשר צו איר
מיט פאַרריסענע קעפּ: גלייביקע
וואָס ווילן ניט גלייבן, אַז מ׳קאָן לבנה אײַננעמען
אין גאַנצן,
פלעק נאָך פלעק,
גלאַנץ נאָך גלאַנץ;
באַהאַלטן,
ווי זיי האָבן עס אַמאָל געטאָן
— בגילופין —
אין די בלאָע,
כעלעמער נעכט.

ג

זיידעס — די ערשטע געווען.
יעדן חודש געשפּרונגען זיי זענען צו דער לבנה
מיט לוסטרינענע בערד, מיט לוסטרינענע לאַנגע קאַפּאָטעס.

זיידעס — די ערשטע געווען. יעדן חודש, צוקאָפּנס,
געשטאַנען בײַ זיי די פּאַרטײַעטע עמערס
ווו געשווומען זאַפּטיק און פריש אַ פולע לבנה.

זיידעס — די ערשטע געווען. זייער נאָמען
פאַרשריבן אויף אייביק אין איר: אַסטראָנאַוטן־פּאָעטן
פון בלאָע, פאַרפישופטע נעכט אין מײַן זילבערן שטעטל.

ד

לבנהשע זיידעס. מיט סודות פון סידור
אָפּגעריסן דאָס שטעטל בײַ נאַכט פון זײַן נידער.

מיט אַ שמעק טאַבעקע אויף וואָנצעס פול שמייכל —
געטראָגן זיי דעכער און קוימענס צו הייכן.

ווען געטאַנצט האָבן זיי מיט צעפלאַטערטע פּאָלעס —
קליין געוואָרן איז קײַלעך פון ערד מיט איר גלות,

ווײַט געוואָרן איז מאַרק מיט זײַן בלאָטע און ברונעם
אויף וועלכן ס'האָט דלות זײַן נעץ אויסגעשפּונען.

דורך ווײַסע, דערהויבענע זיידעשע פינגער
באַגאָסן געוואָרן איז שולהויף מיט זילבער;

האָט ווי אַ מאַגנעט געוועגנט זיך פון אויבן
לבנה און צו זיך אַלץ צוגעצויגן.

זענען געפלויגן: זיידע מיט סידור,
געסלעך, געהאַלדזטע מיט אָפענע שטיבער,

שטענדערס צעבליטע פלוצעם מיט שטערן,
שײַבלעך פאַרגילגולטע בלאָע אין פערל.

זענען געפלויגן, הענדום־און־פענדום,
ברויטל פאַרביטן אויף גילדענעם רענדל,

קופערנע שעפ און הילצערנער האַנטפאַס.
ווײַס־זאָקיקע פיס, איבער זיי — ארבע־כנפות.

האָבן דעמלט די זיידעס זיך בגילופין
מיט שלום־עליכמס איבערגערופן.

האָבן דעמלט די בערגלעך געטאַנצט ווי די ווידערס,
אָנגעשפּאָרנט פון גילדענע אותיות פון סיזור.

איז לבנה אַן אינד געווען, אַ ליכטיקע כלה.
איז שטעטל דעמלט געוואָרן נתעלה.

ה
פון זינט מ׳האָט דאָס שטעטל פאַרלאָשן און זיידעס
געגאַנגען ליכטיקע צו די עקדות —
איז געבליבן לבנה אַ שטומע און גרויסע,
אָן ריקוד פון תפילה, אָן קידוש פון אותיות.

געבליבן בלויז בענקשאַפט פון אייניקלעך קליינע
צו אויסטאַנצן ווידער אַ ריקוד אין איינעם,
צו אויסשטרעקן פינגער, צו קאָנען דערלאַנגען
די פולע לבנה אין אירע פיר אַנגלען;
אָנצינדן ווידער מיט פײַערנעם וואָגן —
ניגון וואָס שטעטל האָט אין זיך געטראָגן,
ביז ס'איז אַרויף צו די הימלען... און וועלן
די אייניקלעך פאָרכטיקע שטעלן
זייערע טריט אויף לבנה, וועט ווידער
לבנה זיך עפענען קלאָר ווי אַ סידור
מיט הייליקע אותיות. מ'עט לייענען.
אײַנצימצומען וועלן זיך ווײַטע אַליינען,
און ס'וועט אויפשווימען — שטעטל: זיידעס אוראַלטע
שטייען געהאַלדזטע אין דבקות, באַהאַלטן
לבנה אין אָפענע עמערס, פאַרוויגן
זי ווי אין אַ וויג מיט אַ ניגון.
וועלן אייניקלעך וויסן: אויך זיי, ווי די זיידעס —
פאַרפּישופטע אין אַ קרײַז; אויך זיי קלײַבן
לבנה אין עמערס. דערהעלן
סטעזשקעס פון גאָלד,
פאַר נאַכטישע שוועלן.

נײַע גאַס

א

אין דרויסן ציטערט ריח פֿון מענטש.
צי אפשר דאָס דער ריח פֿון דער נײַער גאַס
ווו ס'שטייט אַ מיידעלע און שפּילט אין „קלאַס"
און צילט אין „הימל" איצטער מיט איר הענטל...

ב

די הײַזער זענען אַלע ווײַס.
דו זאָגסט: פֿאַר פּסח.
איך זאָג: ס'איז שמייכל.
איך זאָג: עס איז דער גלאַנץ
פֿון איבגיס גאָלדענעם צאָן.
זע, ווי ס'שטייט איבגי גדלותדיק
מיט פֿיס צעשפּרייטע,
בשעת ער רופֿט און רופֿט די קונים
צו זײַן נײַער קראָם.

ג

אַרײַננעמען די שטאָט אין אַ נײַער רעם,
אַרײַנשטעלן אַ גאָלדענעם צאָן אין מויל פֿון איבגי.
וויסן אַז ניט דער גאָלדענער צאָן וועט איבגין אַנדערש מאַכן
אויך ניט די רעם...
וויסן אַז ס'איז אַזוי און אַז ניט אין דיר געווענדט.
נאָר אויך וויסן: מ'וואָלט דאָ דאַרפֿן
עפּעס וואָס אַנדערש טאָן,
שטעלן די דעכער קאַפּויער,
אַרײַנשטעקן בלומען אין זון.

א י נ ה אַ ל ט

גראָזן

תפילה 7

יאָסעפוס פלאַוויוס

א. אין יודפת 8
ב. כראָניק 9
ג. פחד 10
ד. המשך 11
ה. איילבערטן 12

פאַר נאַכט אין ירושלים 13
ראָזשינקעס און מאַנדלען 14
שלומציון 16
ר׳ שלום שרעבי 18
גימטריות 20
פערל 21
וואָרט אין דער לבנה 22
די ביַיע שטוב 24
* כ׳וויל זיך צודעקן 26
גאַס 27
פאָרויס 28
האָפּערדיק 29
די ל״ו 30
מאה שערים 31
גראָז 36
שלווה 38
גליַיך ס׳וואָלט 40
ירדנה 41
חמרה 44
פון אינעווייניק 45
דאָ 46
וואַרטן 47
שניי אין ירושלים 49
ייִדן 51

בלאָ־ווײַס

נאָוואָסיבירסק 55
יולי דניאל 58
ער 59
בלאָ־ווײַס 61
גרוזינער 65

רעגן־בויגן צוקאָפּנס

קיר״ה־לאַנד 73
מײַן וועג צו יהואשן 76
קינדער־יאָרן 79
מידבר 84
רעקוויעם 85
ווערטער 86
שטויב 88
עקדה 89
* זאָג ניט 90
צימצום 91
דער לעצטער ל״ו 92
נבות 93
דאָס וואָרט 95
כראָניק 96
אין בית־שאַן 98
מלחמה 99
קינדער 102
בײַ גרענעצן 103
לבנה 104
עלעגיע נאָך אַ כאַטע 105
הימלען 106
אָפּשייד 108
גדר 109
מײַן מאַמע 110
קנייטשן 111
יאוש 112

סוכּה 113
פּולע וואָך 114
דערגיין 115
שטערן 116
קידוש לבנה 117
נײַע גאַס 121

ביכער פון זעלבן מחבר

הגדה של פסח, לידער, (העקטאָגראַפירט), רוים, 1946.

אין הינערפלעט, (טאָרף־לידער), רוים, 1946.

אין שאָטן פון מולד, לידער, פאַרלאַג „די גאָלדענע פּאַווע“, פּאַריז, 1954.

ווײַסע טויערן, לידער, פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב, 1964.

שמייכלען פון ארץ הקודש, לידער, פאַרלאַג „המנורה“, ת״א, 1969.

פאַרלאַג „ישראל־בוך"

אריה שמרי / וואָרצלען
אַנטאָלאָגיע פון יידיש־שאַפן אין ישראל

ישעיהו שפיגל / פלאַמען פון דער ערד
ראָמאַן

רחל פישמאַן / דערנער נאָכן רעגן
לידער

מאַרגאַרעט לאַרקין / די זעקס טעג פון יד מרדכי
יידיש — ד. שטאָקפיש

רפאל מאַהלער / היסטאָריקער און וועגווייזער
עסייען

רבקה באַסמאַן / בלעטער פון וועגן
לידער

ריקודה פאָטאַש / אין געסלעך פון ירושלים
דערציילונגען

יעקב צבי שאַרגעל / זוניקע שוועלן
לידער

משה שולשטיין / איבער די דעכער פון פּאַריז
דערציילונגען

אריה שמרי / דאָס יינגל פון דיזשאָן
פּאָעמע

רפאל מאַהלער / ספר סאַנץ
היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, זכרונות און גביות־עדות

משה גראָסמאַן / שטויב און אייביקייט
דערציילונגען און מיניאַטורן

אריה שמרי / געזאַנגען אין שײַער

לידער און פּאָעמעס

מנוחה ראָם / אַרום דער ווערבע

דערציילונגען

משה זאַלצמאַן / ...און מען האָט מיך רעהאַביליטירט

איבערלעבונגען פון אַ ייִדישן קאָמוניסט אין ראַטנפאַרבאַנד

אברהם שלאָנסקי / לידער

אָפּקלײַב פון א. שלאָנסקיס פּאָעטישער שאַפונג

ייִדיש — משה יונגמאַן

משה גראָס־צימערמאַן / דאָס וואָרט וואָס מיר שרײַבן

עסייען און פּראָפילן

רבקה באַסמאַן / ליכטיקע שטיינער

לידער

ביילע שעכטער־גאָטעסמאַן / סטעזשקעס צווישן מויערן

לידער

מלכה טוזמאַן / בלעטער פאַלן ניט

לידער

ב. דעמבלין / טאָפּלבאַנד

אַ פרעמדע וועלט * אין נײַעם לאַנד

ישעיהו שפּיגל / די קרוין

דערציילונגען

משה יונגמאַן / רעגן־בויגן צוקאָפּנס

לידער